YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv14i03

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 14 Issue 3
March 1932

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 14, Iss. 3)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/493

GERECHTIGKEIT *(Justice)*

גערעכטיגקייט

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. XIV. No. 3. **Jersey City, N. J., March, 1932** **Price 10 Cents**

דער זיגרייכער סטרייק פון די דרעסמאכער

עס איז געווען א געוואגטער שריט ארויסצורופען איצט א סטרייק אין דער דרעס אינדוסטריע. האבען טאקע פיל געפרעגט, ווען די צוגרייטונגען צום סטרייק זיינען געמאכט געווארען: איז אין דער איצטיגער געדריקטער צייט מעגליך ארויסצורופען ארבייטער אין א סטרייק? עס איז געווען א שווערע פראגע און א שרעקעדיגע פראגע. קיינער דארף ניט דערמאנען וואס פאר א ביטערע צייט די ארבייטער לעבען איצט איבער און ווי דערשלאגען זיי פילען זיך. אבער די יוניאן האט זיך ניט געקענט ערלויבען צו לאזען, אז דער דעמאראליזירענדער צושטאנד אין דער דרעס אינדוסטריע זאל בלייבען עקזיסטירען אויף ווייטער און זי האט דעם סטרייק גערופען. און עס איז געווען א גרויסע דערמוטיגונג ניט נאר פאר דער דרעס מאכער יוניאן און פאר דער אינטערנעשאנעל, נאר פאר דער גאנצער ארבייטער באוועגונג צו זעהן ווי די גרויסע מאסען דרעס מאכער האבען אויף דעם רוף פון אונזער יוניאן אפגעענטפערט מיט אזא באגייסטערטער קאמפסלוסטיגקייט.

די קאמוניסטישע יוניאן ברעכער און סטרייק ברעכער האבען געטאן אלץ, וואס אין זייערע כוחות דעם סטרייק צו שטערען, אבער דאס האט זיך זיי ניט איינגעגעבען. זיי האבען מיט זייער סטרייק־ברעכערישער ארבייט בלויז באוויזען, ווי קליין און ווי נישטיג עס איז זייער איינפלוס. זיי האבען זיך אליין געקענט גאנץ גוט איבערצייגען פון דער גלענצענדער דעמאנסטראציע פון די סטרייקער פרייטאג, דעם 19טען פעברואר. עס איז געווען אן ארבייטער דעמאנסטראציע, וואס נ'יו יארק האט שוין לאנג ניט געזעהן.

מיר קענען זיך, אמת, ניט בארימען, אז דער סטרייק האט ארומגענומען די גאנצע דרעס אינדוסטריע. א סך שעפער זיינען ניט דערגרייכט געווארען, ווייל מען ווייס אפילו ניט, וואו זיי געפינען זיך. עס איז די קללה פון דער דרעס אינדוסטריע, וואס זי איז אזוי צופיצעלט און צוברעקעלט געווארען. אז עס איז אפילו שווער צו וויסען וויפיל שעפער אין שטאדט זיינען פאראן. עס זיינען ניט שעפער, נאר סועט שאפקעס, פארשטעקט אין פארשידענע לעכער און הינטער־צימערען. אבער דער גרויסער און וויכטיגסטער טייל פון דער אינדוסטריע איז פון דעם סטרייק פולשטענדיג געטראפען געווארען.

די דרעס מאכער האבען דעם סטרייק געוואונען. און דער געווינס איז גרעסער דערפון, וואס דער סטרייק איז ניט צו לאנג פארצויגען געווארען. די דרעס מאכער האבען ניט געדארפט ברענגען קיין צו גרויסע מאטעריעלע קרבנות צו געווינען זייער זיג. א פארצויגענער סטרייק איז א שטעקען מיט צוויי עקען. ער שלאגט טאקע גאנץ שמערצליך די מאנופעקטשורערס, אבער ער טוט אויך גאנץ וועה די ארבייטער. די פירער פון דער אינטערנעשאנעל זיינען דעריבער אלע מאל באזארגט, אז די סטרייקס, וואס זיי רופען, זאלען זיין וואס ווירקזאמער און דעריבער וואס קירצער. א סטרייק, וואס ווערט געוואונען אין א קורצער צייט איז דאפעלט געוואונען.

ווי מען דארף אפהיטען די געווינסען פון קאמף.

מיר האבען שוין ביי מערערע אנדערע געלעגענהייטען באמערקט, אז געווינען א קאמף איז נאך ווייניג, מען דארף וויסען ווי צו באפעסטיגען די געווינסען און זיי צו האלטען.

די דרעסמאכער האבען שוין ניט זייער ערשטען קאמף געוואונען. די דרעס מאכער האבען הינטער זיך א לאנגע געשיכטע פון קאמף און זיגען, אבער ניט אלע מאל האבען זיי פארשטאנען צו האלטען זייערע אויסגעקעמפטע זיגען.

די דרעס מאכער וואלטען ניט געקומען צו אזא טרויעריגער לאגע, ווי זיי זיינען געווען פאר דעם איצטיגען סטרייק, ווען זיי וואלטען ניט דערלאזען, אז זייער יוניאן זאל אזוי אפגעשוואכט ווערען און דערמיט פארניכטען זייערע געווינסען, וואס זיי האבען אויסגעקעמפט אזוי שווער און מיט אזוי פיל קרבנות.

די דרעס מאכער האבען א מאל געהאט איינע פון די שעהנסטע און שטארקסטע יוניאנס, וואס איז געווען א מוסטער אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג. אבער פיינד, אינערליכע פיינד, האבען איהר מיט זייער ברעכערישער און צושטערערישער ארבייט צובראכען און מאכטלאז געמאכט. דער דרעס טרייד איז געווארען הפקר און דער גורל פון די דרעס מאכער איז געווארען הפקר.

אט דעם טרויעריגען פאקט דארפען די דרעס מאכער קיינמאל ניט פארגעסען. זיי דארפען איהם דערמאנען אין יעדען מאמענט ווען א פראבע ווערט געמאכט צו ברעכען די אייניגקייט פון זייערע רייהען און צו שטערען דעם וואוקס און דעם איינפלוס פון זייער יוניאן.

די דרעס מאכער האבען שוין מעהרערע מאל געמאכט גוטע אגרימענטס מיט זייערע באלעבאטים. זיי האבען ביטער געקעמפט און געבראכט שווערע קרבנות פאר זיי, אבער די אגרימענטס האבען געהאט אזוי לאנג א ווערט, ווי לאנג די דרעס מאכער האבען געהאט א שטארקע יוניאן זיי אפצוהיטען. און עס איז אן אלטער כלל, אז דער בעסטער אגרימענט איז ניט ווערט דאס פאפיר, אויף וואס ער איז אנגעשריבען, ווען עס איז ניטא קיין שטארקע יוניאן איהם אפצוהיטען.

און זאלען די דרעס מאכער געדענקען אין דעם איצטיגען מאמענט פון זייער פרייד, אז זייער ארבייט פון אויפבויען זייער יוניאן איז נאך ווייט ניט פארענדיגט. עס איז נאך איבערגעבליבען א סך ארבייט און א סך שווערע ארבייט צו פארענדיגען די גרויסע געביידע. עס זיינען נאך איבערגעבליבען טויזענדע און טויזענדע, וואס דארפען ארגאניזירט ווערען און אריינגענומען ווערען אין דער יוניאן. דער דרעס טרייד מוז ארגאניזירט ווערען אין א פיל גרעסערער מאס און די דרעס מאכער יוניאן קען ווערען איינע פון די גרעסטע יוניאנס אין לאנד.

א גרויסער טייל פון דער ארבייט איז אפגעטאן געווארען, אבער דאס פארענדיגען די ארבייט פאדערט א סך געדולד

די העלפער פון די דרעס מאַנופעקטשו־רערס אין שיקאַגאַ

פון בערנאַרד שעהן, דזשענעראל אָרגאַנייזער א. ל. ג. וו. י.

אין מיינע פריהערדיגע באריכטען האָב איך זיך צוריקגעהאַלטען פון באריהרען די „טעטיגקייט" פון די קאָמוניסטען ביי אונז אין שיקאַגאָ. דאָס אָבער מיינט ניט אַז זיי זיינען אין גאַנצען רוהיג. פאַרקערט, אַזוי שנעל ווי מיר האָבען אונזער קאמפיין אָנגעפאַנגען און האָבען אָנגעהויבען האָבען ערפאָלג, האָבען זיי אָנגעהויבען אַ גיפטיגע אגיטאַציע געגען דער יוניאָן, מיט דער האָפנונג צו קענען שטערען אונזערע אָנ־שטרענגונגען צו אָרגאַניזירען די דרעס־מאַכער. אַזוי שנעל ווי זיי פלעגען זיך דערוויסען אַז מיר זוכען צו אָרגאַניזירען אַ באַשטימטען שאַפּ פלעגט זיך זייער חברה באַווייזען אויפ'ן פלאַץ און טאַן אַלץ וואָס זיי האָבען געקענט צוריקצוהאַלטען די ארבייטער פון אָנשליסען זיך אָן דער יוניאָן.

די דרעסמאַכער אָבער האָבען געשענקט גאַנץ וועניג אויפמערקזאַמקייט צו זייערע פאַרעטערישע שטיק. די דרעסמאַכער, צו וועלכע מיר האָבען אַפּעלירט, האָבען באַ־גריפען אַז עטוואָס מוז געטאָן ווערען כדי צו פאַרבעסערען די אומערטרעגליכע באַ־דינגונגען אונטער וועלכע זיי זיינען גע־צוואונגען צו ארבייטען און אַז די איינ־ציגע אָרגאַניזאַציע צו וועלכער זיי קענען זיך ווענדען מיט האָפנונג אין זייערער בי־טערער לאַגע, איז די אינטערנעשאָנאַל.

שלעפּען ארונטער שעפּער

ווען עס איז זיי ניט געלונגען צו קריגען די דרעסמאַכער דורך זייער פּראָפּאַגאַנדאַ געגען דער יוניאָן האָבען די קאָמוניסטען באַשלאָסען צו ענדערען זייער טאַקטיק און אָנהויבען ארונטערשלעפּען שעפּער אין סטרייק. אַזוי זיינען זיי אָנגעפאַלען אויף איינעם פון די שעפּער, וואָס מיר האָבען געהאַלטען אין אָרגאַניזירען, ארונטערגע־שלעפּט 10 ארבייטער פון די 50 וואָס האָ־בען דאָרט געאַרבייט, און דערקלערט אַ „סטרייק". זיכער איז עס געווען אַן אידיאַ־טישער שריט. דאָס האָט זיי אָבער געגע־בען אַ געלעגענהייט אָנצוהויבען אַ נייעם ליגנערישען און פאַרלוימדערישען קאַמפּיין געגען דער יוניאָן, פאַרשפּרייטענדיג ליפ־לעטס אַז די יוניאָן שטערט זיי אין זייער „סטרייק". די פאַרברעכערישע האַנדלונג אין דעם סטרייק איז אָבער דאָס וואָס זיי האָבען באַוואויגען עטליכע מענשען צו פאַרלאָזען זייערע דזשאָבס, און זיי האָבען איצטער זעהר וועניג געלעגענהייטען צו קריגען ארבייט ערגעץ אַנדערשוואו אונטער די איצטיגע באַדינגונגען.

די באָסעס אָבער שיינען צו האָבען גע־קראָגען מעהר מוט און חוצפּה אַ דאַנק אָט דער טעטיגקייט פון די קאָמוניסטען. אין די לעצטע דריי מאָנאַטען, צום ביי־שפּיל, האָבען אַן אַנצאָהל באָסעס פּרובירט שניידען די ווייזשעס פון זייערע קאַטערס, אָבער עס איז אונז געלונגען דאָס נישט צו דערלאָזען. עס זיינען געווען פאַלען, ווען קאַטערס זיינען ארונטערגעקומען אין אָפיס פון דער יוניאָן און דערצעהלט, אַז זייערע באַלעבאַטים פאַרלאַנגען זיי זאָלען ארונטער־לאָזען פון די ווייזשעס. אָהן אויסנאַהם האָבען מיר זיי יעדעס מאָל אָנגעזאָגט צו אַנטזאָגען זיך ארונטערצולאָזען פון די וויי־דזשעס, און אַזוי איז עס געבליבען. די באָסעס האָבען, ווייזט אויס, מורא געהאַט פאַר טראָבעל. זיי האָבען געציטערט פאַר דעם אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין וואָס מיר האָבען אָנגעפיהרט. זינט אָבער די קאָמו־ניסטען האָבען באַניים זייערע אַטאַקעס אויף דער יוניאָן, האָבען די באָסעס געקראָגען מעהר מוט און זיי וואָגען מעהר צו ריזי־קירען. זיי האָבען זיך גענומען שניידען די ווייזשעס ניט נאָר פון די קאַטערס נאָר אויך פון די אָפּערייטאָרס, פינישערס און דרייפּערס. אין איינינע פאַלען האָבען מיר געראָטען די קאַטערס צו סטרייקען געגען די דאָזיגע פאַרזוכען. דאָס איז ווי אַזוי די פאַרעטערישע האַנדלונג פון די קאָמו־ניסטען קאָסט גאַנץ טייער די שיקאַגאָער דרעסמאַכער — אַ לעבעדיגער ביישפּיל וואָס יעדער ארבייטער קען זעהן.

דער ספּרינג סעזאָן האַלט נאָך אַלץ אין קומען

דער דרעס־סעזאָן האַלט דאָ נאָך אַלץ אין קומען, וואָס מיינט אַז כאָטש מיר האָ־בען ערוואַרטעט, אַז אין דער צייט זאָל שוין זיין ביזי אין די שעפּער זיינען נאָך אַלץ אַ סך דרעסמאַכער ארבייטסלאָז און די וואָס ארבייטען יאָ, ארבייטען זעהר ווע־ניג. אונטער די אומשטענדען נעהמט נאַ־טירליך אונזער אָרגאַניזאַציאָנס־טעטיגקייט אָן זעהר שווער. מיר האַלטען פונדעסט־וועגען אָן אונזער ארבייט און מיר האָפען, אַז ווען דער סעזאָן וועט זיך אָנפאַנגען וועלען מיר קענען באַריכטען וועגען וויכ־טיגע געווינסען.

„יוניטי הויז" צוזאַמענ־קונפט 28טען פעברואַר

אַ צוזאַמענקונפט און רי־יוניאָן פון מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנאַל און זייערע פאַמיליעס און פריינד, געסט פון דער „יוניטי הויז", ארטיסטען און לעק־טשורערס וועט פאָרקומען זונטאָג, דעם 28טען פעברואַר, 2 אזייגער נאָכמיטאָג, אין גרענד סענטראַל גאַרדענס, 480 לעקסינג־טאָן עוועניו, לעבען 46טע סטריט.

דאָס וועט זיין אַן אויסערגעוועהנליכע אונטערנעמונג. עס וועט זיין פון די בעס־טע מאכלים אויפ'ן בופעט, גוטע מוזיק, טאַנצען און אַלערליי פאַרוויילונגען.

צו פאַרזיכערען אַז די מעמבערס פון דער יוניאָן און די געסט פון דער „יוניטי הויז" זאָלען זיין ביי דער אונטערנעמונג, בעט די אַראַנזשמענטס קאָמיטע זיי זאָלען זיך צוגרייטען מיט טיקעטס באַצייטענס וועלכע זיי קענען באַקומען אין אָפיס פון דער אינטערנעשאָנאַל, 3 וועסט 16טע סט. טעל. טשעלסי 3—2148.

אַנערקענונגס רעזאָלוציע

מיר, די פאַרזאַמעלטע ביי אַ ספּעשעל מיטינג פון דער סטרייק קאָמיטע און דעם עקזעקוטיוו באָארד פון לאָקאַל 4 קלאָוק־מאַכער יוניאָן, באַלטימאָר, מיטוואָך, דעם 30טען דעצעמבער, אין אונזערע העדקוואָר־טערס, 221 וועסט באַלטימאָר סטריט, דריי־קען אויס אונזער האַרציגסטען דאַנק אין נאָמען פון אַלע אונזערע מיטגלידער צו ברו־דער מ. ל. פאָלין, מענעדזשער פון באַל־טימאָרער „פאָרווערטס", פאַר זיין גוטער ארבייט וואָס ער האָט געטאָן פאַר אונזער לאָקאַל פאַר דער גאַנצער צייט וואָס ער איז אין באַלטימאָר, און ספּעציעל פאַר העלפען סעטלען דעם סטרייק, וואָס מיר האָבען אָנ־געפיהרט אין דעם הייגרעיד שאָפּ. ברודער פאָלין איז געווען דער יעניגער, וואָס האָט געהאָלפען אונזער מענעדזשער, ברודער קאַפּלאַן, אין יעדען הינזיכט צו ברענגען צו אַ סעטעלמענט. ברודער פאָלין האָט ניט געשפּאָרט קיין צייט און מיה און ווען מ'האָט איהם געדאַרפט איז ער אימער גע־ווען אַם פּלאַץ און ער האָט פאַרדינט פון אונז די גרעסטע אָנערקענונג.

מיר האָפען, אַז דורך ברודער פאָלינ'ס ליסטונגען פאַר אונז ביז איצט און אויף ווייטער וועלען מיר אָנגעהן מיט דער אר־בייט מיט פאַראייניגטע קרעפטען און אויפ־שטעלען אונזער לאָקאַל אויף אַ געזונטען פונדאַמענט.

דזשייקאָב וויזער, טשערמאַן
דזשאָו בישאָף, סעקרעטער
סעם קאַפּלאַן, מענעדזשער
רעזאָלוציאָנס קאָמיטע.

פארבייגעהענדיג

פון צביון.

●

וויפיל דרעס מאכער זיינען פאראן אין ניו יארק? איך ווייס, אז עס זיינען פאראן א סך. איך האב זיי געזעהן פרייטאג, דעם 19טען פעברואר, אויף דער סטרייק-דעמאנסטראציע, איך האב זיי פריהער געזעהן אין און ארום מעקא טעמפעל און איך האב דעריבער די פארשטעלונג, אז זייער צאל איז זעהר א גרויסע, אבער ווען איך זאל וועלען אנגעבען א ציפער ווייס איך נים.

מיט א פאר יאהר צוריק האט א סטאטיסטיקער, וואס האט זיך ספעציאליזירט אין ארבייטער און אינדוסטריע סטאטיסטיק און וועלכער איז גוט באקאנט מיט דער דרעס אינדוסטריע, מיר געמאכט א חשבון, אז אין ניו יארק זיינען פאראן צווישען 50 און 60 טויזענד דרעס מאכער. און לויט זיין חשבון נעהנטער צו 60 ווי צו 50. ער האט זיין חשבון געבויט ניט בלויז אויף דער צאהל פון די דרעס שעפער, נאר פיל מעהר אויף דעם גרונט פון דער פראדוקציע פון יעדען ארבייטער פון דער דרעס אינדוסטריע. לויט זיין חשבון קומט אוים אין א דורכשניט פון יעדען דרעס מאכער'ס האנד אין ניו יארק פאר אן ערך 8 טויזענט דאלאר דרעסעס א יאהר. און אזוי ווי די ניו יארקער דרעס אינדוסטריע באטרעפט ארום א האלבען ביליאן דאלאר, ממילא דארף לויט דעם חשבון זיין ארום 60 טויזענד דרעס מאבער.

דער חשבון קוקט אוים צו זיין ריכטיג, אבער איך קען גאר נישט זאגען וועגען דעם, אויב א דרעס מאכער גיט טאקע ארויס פון זיינע הענד פאר 8,000 דאלאר דרעסעס א יאהר, אדער מעהר, אדער ווייניגער. דאס איז א זאך וואס איך מוז זיך אין גאנצען פארלאזען אויף די אויסרעכענונגען פון מיין פריינד דעם סטאטיסטיקער. און טאמער איז זיין חשבון ניט אין גאנצען ריכטיג, זאל מען האבען טענות צו איהם און ניט צו מיר.

נאר וואס איז דער אונטערשיד אויב עטליכע טויזענד מעהר אדער ווייניגער? דער עיקר איז, אז אלע דרעס מאכער דארפען זיין ארגאניזירט און באלאנגען צו דער יוניאן. און איך האף, אז דורך דעם געוואונענעם סטרייק וועלען זיי אלע ארגאניזירט ווערען און וועלען אלע באלאנגען צו דער יוניאן, און דאן וואס פאר א ר׳זינג יוניאן די דרעס מאכער וועלען עס האבען! און זיי וועלען עס האבען! די דרעס מאכער יוניאן איז שוין איצט גרויס און שטארק, און זי וועט נאך גרעסער און שטארקער ווערען.

⁂

די האפנונג, אז דער קאנגרעס אין וואשינגטאן וועט העלפען די ארבייטסלאזע איז פארשוואונדען. דער קאסטיגען-לאפאלעט געזעץ-פראיעקט, אז דער קאנגרעס זאל באווילינגען 375 מיליאן דאלאר צו שטיצען די ארבייטסלאזע איז דורכגעפאלען. אין דער אפשטימונג האבען זיך פאראייניגט ביידע פארטייען — די רעפובליקאנער און די דעמאקראטען און דערמיט האבען זיי באוויזען, אז ווען עס קומט צו דער פראגע פון העלפען די ארבייטער איז ניטא קיין אונטערשייד צווישען די צוויי פארטייען, ביידע זיינען געגען און ביידע האבען געשטימט געגען דעם קאסטיגען-לאפאלעט געזעץ-פראיעקט און ביידע האבען אומגעפעהר א גלייכען חלק אין זיין דורכפאל.

די אפשטימונג וועגען דעם קאסטיגען-לאפאלעט געזעץ-פראיעקט איז פארגעקומען קורץ נאך דעם, ווי פרעזידענט גרין, פון דער אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר, מיט א קאמיטע פון די פרעזידענטען פון די גרעסטע יוניאנס אין אמעריקא האבען באזוכט פרעזידענט הוווער און ביידע הייזער פון קאנגרעס און פארלאנגט, אז דער קאסטיגען-לאפאלעט געזעץ-פראיעקט זאל אנגענומען ווערען.

עס איז אמת, אז פרעזידענט הוווער האט די פארטרעטער פון דער אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר גארניט פארשפראכען. ער האט אויף זייער פארלאנג געענטפערט מיט שווייגען. און די ארבייטער פארטרעטער האבען געוואוסט וואס דאס שווייגען מיינט. זיי האבען געוואוסט, אז פרעזידענט הוווער איז געגען דעם, אז דער קאנגרעס זאל באווילינגען געלט פאר די ארבייטסלאזע. אבער טאקע דערפאר, וואס זיי האבען געוואוסט, אז ער איז געגען, זיינען זיי צו איהם געגאנגען. זיי זיינען צו איהם געקומען באוואפענט מיט א סך שטארקע ארגומענטען איהם צו איבערצייגען, אז ער דארף ענדערען זיין מיינונג, נאר עס האט ניט געהאלפען.

די פראגע איז: וואס וועט זיין ווייטער?

* * *

דאס בילד וועגען דעם צושטאנד פון די ארבייטער וואס עס ווערט פארגעשטעלט אין דער דעקלאראציע, וועלכע די קאנפערענץ פון דער אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר האט ארויסגעגעבען, איז זעהר טרויעריג. אט וואס ווערט אין דער דעקלאראציע דערצעהלט:

„איבער 8 מיליאן און 300 טויזענט האבען געליטען פון געצוואונגענער ארבייטסלאזינקייט אין חודש יאנואר. לאקאלע הילפס-אגענטורען זיינען ניט בכח צו שאפען די נויטיגע מיטלען צו העלפען די ליידענדע. מענער, פרויען און קינדער הונגערען, פריהרען און געהען אוים פון די כוחות. מען מוז זיי געבען שפייז, באהיצונג און א דאך איבער'ן קאפ. דאס שרעקליכסטע אין דער דאזיגער שוידערליכער אומענשליכער לאגע איז, וואס מיליאנען קינדער ליידען הונגער און קעלט און טויזענטער איבער טויזענטער פון זיי קענען אפילו ניט באזוכען די שולען צוליב מאנגעל אין שפייז, קליידער און שיך."

עס איז ניט נויטיג צו זאגען, אז פון יאנואר ביז איצט איז די לאגע ניט בע-

---

פיטען פון די קאמפאניעס. איצטער אבער האט מען אין וואל סטריט אפילו אנגעפאנגען צו ריידען אן אנדער שפראך. מען האט דארטען אנגעפאנגען פארשטעהן, פון וואנען עס נעמט זיך דאס רייכטום פון לאנד און ווער עס שאפט איהם. מען האט אנגעפאנגען צו פארשטעהן, אז ווען די ארבייטער געהען ארום אהן ארבייט מיינט עס ניט בלויז הונגער פאר די ארבייטער, נאר עס מיינט אויך א פארלוסט פון פראפיטען פאר די קאמפאניעס. און דער ארטיקעל אין דעם וואל סטריט זשורנאל ענדיגט זיך טאקע מיט די ווערטער, אז די איינפירונג פון א 35-שטונדיגער ארבייטס-וואך אין די פאבריקען און אונטערנעמונגען דארף ניט באטראכט ווערען פון די באלעבאטים, ווי א נדבה פאר די ארבייטער, נאר עס איז א טובה פאר זייערע אייגענע אינטערעסען.

מיר ווייסען, אז ניט אזוי גיך וועלען די באלעבאטים קלוג ווערען, כדי עס צו פארשטעהן און ווען מאנכע פון זיי וועלען עס גיכער פארשטעהן, וועלען זיי עס אזוי גיך ניט קענען פועל'ן ביי זיך עס צו פראבירען. זיי וועלען ווארטען, אז אן אנדערער זאל עס אנפאנגען טאן. אבער עס האט דאך א באדייטונג, אז אין וואל סטריט האט מען עס אנגעפאנגען צו פארשטעהן. דער קריזיס איז א ווירקזאמער לעהרער, עס איז נאר צו באדויערן, וואס די אמעריקאנער ארבייטער לערנען אזוי ווייניג פון איהם.

GERECHTIGKEIT
A Labor Journal
Published every month by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication:
76 Montgomery St., Jersey City, N. J.
General Office:
3 W. 16th St., N. Y. C. Tel. CHelsea 3-2148

BENJAMIN SCHLESINGER, President
DAVID DUBINSKY, Secretary-Treasurer
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. XIV. No. 3 — March, 1932

Entered as Second Class matter, Aug. 7, 1928 at Post Office at Jersey City, N. J., under the Act of August 24, 1912. Acceptance for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

און אנשטרענגונג. און די ארבייט קען אויף דעם בעסטען און ערפאלגרייכסטען אופן דורכגעפיהרט ווערען, ווען די מיט־גלידער פון דער יוניאן וועלען זיין אקטיוו און וועלען העלפען דורכפיהרען די גרויסע און שווערע אויפגאבע, וואס די יוניאן האט פאר זיך.

דער סטרייק האט זיך געענדיגט, אבער די גרויסע ארבייט צו באפעסטיגען די יו־ניאן, פארענדיגען איהר בויען, איהר שטאר־קער, גרעסער און איינפלוסרייכער צו מא־כען פאנגט זיך אן. זאל דעריבער יעדער מיטגליד פון דער יוניאן טאן זיין פליכט. זאל יעדער העלפען אין דער גרויסער אר־בייט און די געווינסען פון דעם איצטיגען סטרייק וועלען דאן ניט בלויז אפגעהיט ווע־רען, נאר זיי וועלען פארדאפעלט און פאר־דרייפאכט ווערען.

די קלאוק־מאכער יוניאן גרייט זיך.

די קלאוק מאכער יוניאן האט זיך אנ־געפאנגען גרייטען צו דעם באנייטען פרידען, וואס דארף צווישען איהר און די קלאוק־מאנופעקטשורערס געשלאסען ווערען קו־מענדען זומער. בריף וועגען א קאנפע־רענץ מיט די מאנופעקטשורערס אסאסיאיר־שאנס זיינען שוין ארויסגעשיקט געווארען, און די באלעבאטישע געזעלשאפט, אין וועלכער מיר לעבען איצט, האט געשאפען דעם כלל, אז ווען מען וויל פרידען דארף מען זיך גרייטען צו מלחמה.

עס איז פאר אונז איבעריג צו זאגען, אז די קלאוקמאכער יוניאן און די אינטער־נעשאנעל וועלען זיין העכסט צופרידען ווען זיי וועלען קענען קומענדיגען זומער בא־נייען דעם אפמאך מיט די קלאוק מאנופעק־טשורערס אויף א פרידליכען אופן, אבער מיר זיינען ווייט ניט זיכער, אז דער צווייר טער צד, די באלעבאטים, וועלען לאזען אויסקליבען דעם פרידליכען וועג, אין גע־גענטייל, עס זעהט אונז אויס, אז די בא־לעבאטים זוכען צו שאפען אזא לאגע, וואס וועט צווינגען די יוניאן צו מלחמה. דארף זיך דעריבער די יוניאן גרייטען.

און מיר ווילען דא מיט גרויס צופרי־דענהייט פארצייכענען, אז די מיטגלידער פון דער יוניאן האבען ריכטיג אפגעשאצט די לאגע און זיי באגרייפען וואס זיי שטעהט פאר. אונזער בעסטער באווייז איז, וואס א ל ע קלאוק מאכער לאקאלס האבען גוט געהייסען דעם סטרייק טעקס, וואס דער דזשאינט באארד פון דער קלאוק מאכער יוניאן האט באשלאסען. און עס איז ניט אזוי די גוטהייסונג אליין ווי דער גייסט אין וועלכען דער באשלוס איז גוט געהייר סען געווארען. דער סטרייק טעקס איז גוט געהייסען געווארען מיט באגייסטערונג.

אמת, ניט אין אלע לאקאלען איז די גוט הייסונג געווען אן איינשטימיגע. די לאקאלס וואס פארמעגען קאמוניסטען צווי־שען זייערע מיטגלידער, האבען ניט גע־קאנט האבען אן איינשטימיגען באשלוס. די קאמוניסטען, וואס האבען אין דער יוניאן בלויז איין צוועק, צו שטערען און דעמא־ראליזירען, האבען, פארשטעהט זיך, גע־שטימט געגען. די קאמוניסטען וועלען ניט דערלאזען, אז די יוניאן זאל זיך קענען צו־גרייטען צו אן ערפאלגרייכען קאמף. וויל דער ערפאלג פון דער יוניאן איז זייער מפלה. אבער דאס, וואס די קאמוניסטען זיינען ארויסגעטראטען געגען דעם סטרייק טעקס און זייער קלעגליכער דורכפאל האט נאך שטארקער אונטערגעשטראכען די איינ־שטימיגקייט פון אלע לאיאלע מיטגלידער פון דער יוניאן און זייער גרייטקייט צום קאמף.

און מיר זיינען זיכער, אז דער באשלוס פון דער יוניאן וועגען דעם סטרייק טעקס וועט באלד אויך דורכגעפירט ווערען אין לעבען. מיר מיינען, אז די מיטגלידער פון דער יוניאן וועלען מאכען אן אנ־שטרענגונג אנצופאנגען דעם טעקס צו צא־לען, ווייל קיין פיל צייט איז ניט געבלי־בען. די יוניאן האט, ווי פריהער בא־מערקט, שוין ארויסגעשיקט בריף צו די מאנופעקטשורערס אסאסיאישאן וועגען א קאנפערענץ. אין די בריף לאזט די יו־ניאן די אסאסיאישאנס וויסען, אז זי האט מאנכע פארערונגען צו שטעלען ביי די פארהאנדלונגען וועגען באנייען דעם אגרי־מענט. מיר זיינען, אלזא, גאנץ נאהענט צו דעם גרויסען קאמף, וואס שטעהט פאר די קלאוק מאכער און מען דארף דעריבער שוין אנפאנגען צוגרייטען די אמוניציע, מיר מיינען די נויטיגע געלד־מיטלען.

ארבייט פאר די ארבייטסלאזע קלאוקמאכער.

דער קאמפיין וואס דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן מיט דער הילף פון די לאקאל עקזעקוטיוום האבען אונ־טערגענומען, צו באזארגען די ארבייטסלא־זע קלאוק מאכער מיט ארבייט, ווערט אנ־געפירט גאנץ ערפאלגרייך. א גאנץ בא־דייטענדע צאל ארבייטסלאזע קלאוק מא־כער האבען א דאנק דעם קאמפיין באקו־מען שעפער, וואו צו ארבייטען. אין דער איצטיגער שווערער צייט איז דאס זעהר א גרויסער און וויכטיגער אויפטו. אבער כדי נאך מעהר ארבייטסלאזע קלאוקמא־כער זאלען קענען קריגען ארבייט איז נויר טיג, אז דער קאמפיין געגען ארבייטען אווערטאים זאל נאך מעהר פארשטארקט ווערען. וואס ערפאלגרייכער עס וועט זיין דער קאמפיין געגען ארבייטען אווער־טיים אלץ גרעסער וועלען זיין די מעגליכ־קייטען צו באזארגען וואס מעהר ארבייטס־לאזע קלאוק מאכער מיט ארבייט. יעדער טרייער יוניאן מאן דארף העלפען אין דעם קאמפיין. עס איז אין דעם מאמענט די וויכטיגסטע יוניאן ארבייט, וואס די קלאוק מאכער קענען טאן.

די פארקירצונג פון ארבייטסצייט

דער געדאנק, אז דער ווירקזאמסטער מיטעל צו פארטרייבען דעם קריזיס פון לאנד איז די פארקירצונג פון דער אר־בייטס־צייט פון די ארבייטער ווערט אלץ מעהר פארשפרייט. דער קריזיס וועט פארשווינדען און די ארבייטסלאזיגקייט וועט פארשווינדען בלויז דאן, ווען דער אר־בייטסטאג און די ארבייטס־וואך וועט בא־דייטענד פארקירצט ווערען. צו דעם גע־דאנק זיינען ענדליך געקומען אפילו די ווארט־פירער פון וואל־סטריט. זיי האבען אנגעפאנגען איינזעהן, אז מיט סובסידיעס פאר די באנקען וועט מען דעם קריזיס פון אמעריקא ניט פארטרייבען און אזוי לאנג ווי אין אמעריקא וועלען מעהר ווי אכט מיליאן ארבייטער ארומגעהן ליידיג, וועט מען די פראספעריטי צוריק ניט קענען ברענגען, ווען הואווער זאל אפילו ביי דעם קאנגרעס פועל'ן, אז מען זאל געבען נאך מעהר ביליאנען פאר די באנקען. אין אר־טיקעל אין דעם לעצטען נומער פון דעם וואל סטריט מעגעזין ברייננט עס ארויס גאנץ קלאר. דער שרייבער פון דעם אר־טיקעל ערקלערט, אז דער ווירקזאמסטער מיטעל געגען קריזיס איז די איינפירונג פון א פינף־טאגיגער ארבייטס־וואך און א זי־בען־שטונדיגען ארבייטס־טאג.

עס זיינען איצטער פאראן אין אמערי־קא, זאגט דער ארטיקעל, ארום פינף־און־צוואנציג מיליאן מענשען, וואס האבען פארלארען זייערע מיטלען צום לעבען. פון יעדע פיר ארבייטער, וואס זיינען געווען באשעפטיגט אין יאהר 1929, געהט איצט איינער ארום ליידיג. און צו די מיליא־נען, וואס געהען ארום אינגאנצען אהן ארבייט, דארף מען צורעכענען נאך א סך מיליאנען, וואס ארבייטען בלויז א טייל פון זייער צייט און וואס זייערע פארדינס־טען זיינען א סך פארקלענערט געווארען. דער פארלוסט אין קויף־קראפט פון די אמע־ריקאנער מאסען איז ריזיג גרויס, ער בא־טרעפט ביליאנען דאלארס. די ערשטע באדינגונג, דעריבער, איז, אז די, וואס אר־בייטען ניט, זאלען קריגען ארבייט. און עס איז די מיינונג פון דער אמעריקאן פעד־דערישאן אוו לייבאר, אז ווען עס זאל איינגעפירט ווערען אין אמעריקא אן אר־בייטס־וואך פון פינף־און־דרייסיג שטונדען, וואלטען דעמאלט ניט זיין קיין ארבייטס־לאזע.

אז אזעלכע מיינונגען זאלען געדרוקט ווערען אין א זשורנאל, וואס פארטרעט די אינטערעסען פון וואל סטריט, איז ווירק־ליך א צייכען פון דער צייט. אין וואל סטריט האט מען געוואוסט בלויז צו טראכ־טען וועגען דיווידענדען פון טראסטען, ווע־גען הויכע פינאנסען און וועגען די פריי־זען פון סטאקס. און ווען מען האט דאר־טען גערעדט וועגען פראספעריטי, האט מען געהאט אין זינען בלויז די גרויסע פרא־

בריימען זיינע געשעפטס אונטערנעמונגען, אַנשטעלען נאָך ארבייטער אין פּראָפּאָרציע צו דער צאָהל וואָס ער באַשעפטיגט איצטער. יעדער פּראָפעסיאָנעלער מענש און פאַמיליען־הויפּט זאָל געבען באַשעפטיגונג אָדער טייל־ווייזע באַשעפטיגונג צו אַזוי פיל מענשען ווי מעגליך. יעדע קהילה זאָל אונטערנעמען און דורכפיהרען וואָס מעהר ארבייט.

4) אלע מעגליכע אנשטרענגונגען זאלען געמאכט ווערען צו האלטען אינגלאך און מיידלאך אין סקול. יעדע שטאָדט זאָל באַזארגען די געלעגענהייט פארטצוזעצען דעם שטודיום פאר די קינדער וואָס האָבען געענדיגט די שולע.

דאָס זיינען זעהר וויכטיגע פאָדערונגען, אָבער עס איז ניט קלאָר געזאגט, ווי אַזוי זיי דארפען דורכגעפיהרט ווערען. אויב די אמעריקען פעדערישאָן אָוו לייבאָר פארלאנגט, אַז די פינף־טעגיגע ארבייטס־וואָך זאָל איינגעפיהרט ווערען דורך א געזעץ פון קאָנגרעס, איז עס געוויס גוט, אָבער אויב ניט קיין געזעץ, דעמאָלט איז עס ניט מעהר ווי א פרומער וואונש.

אַזוי איז עס אויך מיט דעם אָפּשטעלען פון שניידען וויידזשעס. אויב עס מיינט, אַז עס זאָל דורכגעפיהרט ווערען א געזעץ וועגען א מינימום ארבייטסלוין איז דאָס זעהר גוט. די ארבייטער וועלען זיין געזיכערט אין אלע אינדוסטריען מיט א געוויסען ארבייטסלוין, וואָס קען ניט געמינדערט ווערען. אָבער אויב עס מיינט ניט קיין געזעץ, איז עס ווידער ניט מעהר ווי א פרומער וואונש. ווארום אויב עס איז ניטאָ קיין געזעץ, וואָס זאָל פארווערען די באַלעבאַטים צו שניידען וויידזשעס וועט עס גאָר ניט העלפען וואָס מען וועט זיי זאָגען מוסר. און די ערפאַהרונג האָט אונז דאָך שוין גאנץ גוט געלערענט, אַז עס העלפט ניט. די באַלעבאַטים האָבען שוין ניט איין מאָל געהערט, אַז מיט דעם שניידען פון וויידזשעס שניידען זיי די קויף־קראַפט פון די ארבייטער, אָבער זיי שניידען דאָך.

און געוויס איז עס ניט מעהר ווי א פרומער וואונש, אַז יעדער איינענטימער זאָל אַנשטעלען נאָך אַן ארבייטער, ווייל יעדער אונטערנעמער קען זאָגען, אַז ער האָלט שוין איצט מיט איין ארבייטער מעהר ווי ער דארף.

* * *

די דעקלאַראַציע פון דער אמעריקאַן פעדערישאָן אָוו לייבאָר האָט זעהר ריכטיג אָנגעוויזען אויף די וואונדען פון וועלכע די איצטיגע סיסטעם ליידט. זי האָט אָנגעוויזען אויף דער פּלאַנלאָזיגקייט פון דער אינדוסטריע און אויף דער אומפאַראַנטוואָרטליכקייט פון דער אינדוסטריע צו די ארבייטער. און די דעקלאַראַציע ווייזט אויך זעהר ריכטיג אָן, אַז די וואונדען קענען געהיילט ווערען בלויז, ווען אין דער איצטיגער פּלאַנלאָזער אינדוסטריע וועט אריינגעבראַכט ווערען פּלאַנמעסיגקייט און ווען זי וועט געמאַכט ווערען פאַראַנטוואָרטליך צו באַזאָרגען די ארבייטער מיט ארבייט, ווייל עס מוז אָנערקענט ווערען דאָס הייליגע רעכט פון די ארבייטער אויף ארבייט. אָבער די דעקלאַראַציע בלייבט ווי אָפּהענטיג, ווען עס קומט צו די מיטלען ווי עס דורכצופיהרען אין לעבען.

ווי אַזוי קען די אינדוסטריע געפיהרט ווערען מיט א פּלאַן? דער איינציגער ענטפער איז, אַז זי מוז געשטעלט ווערען אונטער דער קאָנטראָל פון דער רעגירונג. וואָרום ווי לאַנג יעדער אונטערנעמער וועט זיין פריי צו פּראָדוצירען וואָס ער וויל, ווען ער וויל און וויפיל ער וויל, קען קיין פּלאַנמעסיגקייט אין דער אינדוסטריע ניט זיין.

און ווי אַזוי קען די אינדוסטריע געמאַכט ווערען פאַראַנטוואָרטליך פאר די ארבייטער צו באַזאָרגען זיי מיט ארבייט?

ווידער דער זעלבער ענטפער: די אינדוסטריע מוז געשטעלט ווערען אונטער דעם קאָנטראָל פון דער רעגירונג און רעגולירט ווערען אַזוי, אַז די ארבייטער זאָלען זיין שטענדיג באַזאָרגט מיט ארבייט.

און ווי קען אָפּגעהיט ווערען דאָס רעכט פון די ארבייטער אויף ארבייט? עס קען דאָך טרעפען, אַז אין די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין די פארשיידענע אינדוסטריען, זאָל אפילו אונטער א רעגירונגס־קאָנטראָל פּאַסירען, אַז מאַנכע ארבייטער זאָלען פאר א קירצערער אָדער לענגערער צייט מוזען ארומגעהן אָהן ארבייט. אָבער דאָס רעכט אויף ארבייט מיינט ניט, אַז מען מוז דעם ארבייטער געבען ארבייט, ווען עס איז אפילו ניטאָ. עס מיינט, אַז מען דארף איהם געבען מיט וואָס צו עקזיסטירען, ווען עס איז ניטאָ פאר איהם קיין ארבייט. און דאָס מיינט, אַז עס דארף דורכגעפיהרט ווערען א געזעץ, וואָס זאָל פארזיכערען די ארבייטער מיט עקזיסטענץ, ווען עס איז ניטאָ קיין ארבייט. אָט דאָס איז די ריכטיגע באַדייטונג פון דעם רעכט פון די ארבייטער אויף ארבייט.

ווי איהר זעהט, מוז מען דורכפיהרען א גאַנצע רייהע געזעצען, אַז דאָס, וואָס די־אמעריקען פעדערישאָן אָוו לייבאָר פאָדערט אין איהר דעקלאַראַציע זאָל קענען פארווירקליכט ווערען.

* * *

אין דער ווירקליכקייט האָט די אמעריקען פעדערישאָן אָוו לייבאָר אין די לעצטע יאָהרען גאַנץ באַדייטענד געביטען איהר מיינונג וועגען ארבייטער־געזעצגעבונג. אַמאָל איז זי איינגאַנצען געווען געגען דעם, אַז דאָס געזעץ זאָל זיך אריינמישען אין דעם קאַמף צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט. אין דער לעצטער צייט, אָבער, האָט זי אָנגעפאַנגען פיהלען, אַז עס איז דאָך בעסער, ווען דאָס געזעץ קען אויסגענוצט ווערען צו גונסטען פון די ארבייטער, ווען זיי אַליין זיינען צו שוואַך צו באַשיצען זייער רעכט. מאַקע אין דער דעקלאַראַציע גופא פאָדערט די אמעריקען פעדערישאָן אָוו לייבאָר מאַנכע סאָציאַלע געזעצען. זי פאָדערט א געזעץ, אַז די איצטיגע דעמאָראַליזירטע קוילען־אינדוסטריע זאָל געשטעלט ווערען אונטער דעם קאָנטראָל פון דער רעגירונג; א געזעץ, אַז א 5־טאָגיגע ארבייטס־וואָך זאָל איינגעפירט ווערען פאר רעגירונגס־אַנגעשטעלטע, א געזעץ וועגען געלט־שטיצע פאר די שטאַטען וואָס פיהרען איין עלטערס־פּענסיע. עס הייסט, אַז די אמעריקען פעדערישאָן אָוו לייבאָר פאָדערט איצט אַליין געוויסע סאָציאַלע געזעצען, טאָ וואָרום ניט געהן א ביסעל ווייטער און פאָדערן מעהר? וואָרום פאָדערען א געזעצליכען קורצען ארבייטס־טאָג בלויז פאר די רעגירונגס אַנגעשטעלטע און ניט פאר אלע ארבייטער פון לאַנד? און וואָרום בלויז פאָדערן א רעגירונגס קאָנטראָל איבער דער קוילען אינדוסטריע און ניט איבער די אנדערע אינדוסטריען?

* * *

נאָר פאָדערען אַליין איז נאָך ווייניג. עס איז גאַנץ לייכט צו פארשטעהן, אַז ביי די קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישע פארטייען אין קאָנגרעס קען מען גאָרניט אויספיהרען, ווען מען וועט פון זיי פאָדערן. אָט האָט מען דאָך פון זיי געפאָדערט, אַז זיי זאָלען באַוויליגען געלט פאר די ארבייטסלאָזע און זיי האָבען עס ניט געטאָן. און אויב די אמעריקען פעדערישאָן אָוו לייבאָר האָט שוין יאָ אָנגעפאַנגען טראַכטען וועגען דער נויטיגקייט פון סאָציאַלע געזעצען, דאַן מוז זי שוין אויך אָנפאַנגען טראַכטען וועגען דעם, אַז די ארבייטער מוזען האָבען זייער איינענע פּאָליטישע פארטיי און אַז זיי מוזען פיהרען א זעלבסטשטענדיגען פּאָליטישען קאַמף.

⁂

ענדליך האָט דער לאַנגער קאַמף פון דער אמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג געגען דער אינדזשאַנקשאַן מכה דאָך געהאַט א שטיקעל ערפאָלג. דער געזעץ־פארשלאַג פון סענאַטאָר נאָריס צו באַשרענקען די מאַכט פון די ריכטער ארויסצוגעבען אינדזשאַנקשאַנס געגען ארבייטער יוניאָנס, וואָס איז איצט אָנגענומען געוואָרען אין סענאַט מיט אַזאַ גרויסער מאַיאָריטעט, דארף באַטראַכט ווערען פאר א באַדייטענדען שריט פאָרווערטס אין דעם קאַמף פון דער אמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג פאר א בעסערען און א פרייערן לעבען.

נאָר דאָס מיינט ניט, אַז די אינדזשאַנקשאַן מכה וועט שוין אין גאַנצען אָפּגעשאַפט. ניין, זי בלייבט נאָך צו א גאַנץ גרויסען טייל און די ארבייטער וועלען נאָך האָבען פון איהר א רעכט ביסעל צרות. אָבער ניט אַזוי פיל ווי פריהער. די מאַכט פון די ריכטער ארויסצוגעבען אינדזשאַנקשאַנס וועט באַדייטענד באַשרענקט, בפרט אין באַצוג צו די פארפלוכטע „יעלאָו דאָג" קאָנטראַקטען. מען דארף, אַלזאָ, קעמפען ווייטער ביז מען וועט אין גאַנצען פטור ווערען פון דער אינדזשאַנקשאַן צרה פאר די ארבייטער יוניאָנס.

סער געוואָרען. אין געגנטייל, זי איז ערגער געוואָרען. די אַרמיי פון די אַרבייטסלאָזע איז נאָך גרעסער געוואָרען און די קוואַלען פון הילף זיינען אין די מייסטע ערטער אין גאַנצען אויסגעשעפּט.

דערצעהלט די דעקלאַראַציע וואָס די קאָנפערענץ פון דער אמעריקען פעדערײ־שאָן אָוו לייבאָר האָט אַרויסגעגעבען, אַז אין ניו יאָרק נויטיגען זיך 250 טויזענט פאַמיליעס אין באַלדיגער הילף, אין דער צייט וואָס בלויז 100 טויזענט קריגען שטי־צע. אין פילאַדעלפיע איז די צאָל פון די וואָס זיינען אָפּהענגיג פון שטיצע געשטי־גען פון 3,000 אין דעצעמבער 1930, אויף 43 טויזענט אין דעצעמבער 1931. אין פי־לאַדעלפיע ווערט געשאַצט, אַז זיי נויטיגען זיך אין נאָך זעקס מיליאָן דאָלאַר, אויסער די געלט וואָס איז געשאַפען געוואָרען, און זיי האָבען נים קיין אויססיכט צו קריגען די געלט. די פאָנדען, וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען פון פּריוואַטע קוועלען, וועלען זיין ערשעפּט אַרום ערשטען מאַי. ..

נאָ וועלען די הילפס־פאָנדען קוים קלעקען ביז'ן 15טען פעברואַר. 250 פאַמיליעס אַ טאָג ווערען דאָרט אַרויסגעוואָרפען פון די דירות. אין קליוולאַנד זיינען די לאָקאַלע הילפס־פאָנדען שוין פאַקטיש אויסגעליידיגט אין דער צייט וואָס די נויטיגקייט אין הילף האָט זיך פיל פאַרערגערט.

אין דער צייט וואָס די גרויסע שטעדט זיינען איבערוועלטיגט מיט דער פּראָבלעם צו שאַפען דאָס ווייניגסטע וואָס איז נויטיג פאַר הילף און האָבען געשאַפען באַשטימטע סומען פאַר דעם צוועק, לעבען מיליאָנען מענשען אין פאַרוואָרפענע שטעטלאַך און דערפער, ווייט פון די גרויסע שטעדט, וועל־כע האָבען אינגאַנצען נים קיין אָרגאַניזירטע הילפס־אַגענטורען. בלויז אַרום 40 מיליאָן מענשען, אָדער 32 פּראָצענט פון אונזער באַפעלקערונג, וואוינען אין פּלעצער וואו זיי קענען דערגרייכט ווערען פון די הילפס אָר־גאַניזאַציעס, ווי די „קאָמיוניטי משעסטס". 68 פּראָצענט לעבען אין קליינע שטעטלאַך און ישובים וואו קיין אָרגאַניזירטע הילפס־געזעלשאַפטען עקזיסטירען נים, אויסער די „פּור באָאַרדס".

אַרום 60 מיליאָן מענשען וואוינען אין די געגענדען וואו קיין אָרגאַניזירטע הילפס־קערפערשאַפטען זיינען נישטאָ. די גרויסע מעהרהייט פון זיי זיינען אַרבייטער. פילע פון די וועלכע לעבען אין די פאַרוואָרפענע געגענדען זיינען אין די מינען דיסטריקטס, אַרום די אויל־פעלדער, אין די דערפער פון די טעקסטיל מילען און אַנדערע דערפלאַך, וואו די באַנקען האָבען באַנקראָטירט, קליינע פאַבריקלאַך האָבען צוזאַמענגעבראָכען און די נויטיגקייט אין הילף איז אומגעהייער.

און די פאַרטרעטער פון דער אַמעריקען פעדערישאַן זיינען פולשטענדיג גערעכט, ווען זיי זאָגען אין זייער דעקלאַראַציע, אַז דער גאַנצער פאַרמעגען פון דער נאַציאָן מוז באַנוצט און אָנגעווענדעט ווערען צו באַגע־גענען אָט דעם אומגליק. די שטאַטס־רעגירונ־גען, די שטאַטס־רעגירונגען און די פעדעראַ־לע רעגירונג מוזען ביישטייערן זייער חלק און זיך אָפּרופען אין פולער מאָס אויף די פאָדערונגען פון דער לאַגע. די פעדעראַלע רעגירונג האָט קיין שום גרונד נים צו אַנט־זאָגען הילף פאַר מענער, פרויען און קינדער וועלכע ליידען פון אַרבייטסלאָזיגקייט, ווען עס איז קלאָר, אַז די לאָקאַלע אַגענטורען קענען זיך נים ספראַווען מיט די פאָדערונ־גען פון דער לאַגע. די וועלכע זיינען הונגע־ריג און בעטען שפייז, קענען זיך נים פאַר־נאַנדערקלייבען אין דעם אונטערשייד צווי־שען שטיצע וואָס עס גיט די שטאָט, דער שטאַט אָדער די נאַציאָנאַלע רעגירונג. זיי ווייסען, אַז יעדע קהילה איז אַ טייל פון גאַנצען פאָלק.

די מאַסען פון פאָלק וועלען פיהלען, אַז דער קאָנגרעס האָט אין גאַנצען פאַרפעהלט צו טאָן זיינע פליכטען און פאַראַנטוואָרט־ליכקייטען ווען ער זאָל איצט אין צייט פון אַ גרויסען נאַציאָנאַלען אומגליק נים באַווי־ליגען די נויטיגע סומען געלט צו באַזאָרגען מיט שפייז. קליידער און וואוינונג די מי־ליאָנען ליידענדע, הונגעריגע מענשען. די ביליאָנען דאָלאַרס וואָס דער קאָנגרעס האָט באַוויליגט צו שטיצען באַנקען, קאָרפּאָראַ־ציעס און געשעפטס־אונטערנעמונגען וועט זיך אַרויסווייזען אַלס שאַרפער באַדויערנס־ווערטער קאָנטראַסט, אויב דער קאָנגרעס זאָל פאַרפעהלען באַלד צו העלפען די הונ־געריגע און נויטלײדענדע. די ריזיגע סומען וואָס דער קאָנגרעס האָט באַוויליגט צו שטי־צען קאַפּיטאַל, וועט נים שפייזען די הונ־געריגע און נים באַקליידען די נאַקעטע. זי־כער קען דער קאָנגרעס נים פאַרגינען זיך צו אונטערוואַרפען דער באַשולדיגונג, אַז ער האָט שנעל באַוויליגט מיליאָנען פאַר קאַפּיטאַל און קיין סענט נים פאַר די הונ־געריגע.

דאָס איז אַלץ גוט און ריכטיג געזאָגט, אָבער נים הואָווער און נים דער קאָנגרעס האָבען זיך צוגעהערט צו די אַפּעלירענדע ווערטער פון דער קאָמיטע. דער קאָנגרעס וויל קיין געלט נים געבען פאַר די מיליאָנען הונגעריגע און ליידענדע אַרבייטער, פרעגט זיך דעריבער: וואָס ווייטער? וואָס דאַרף די אַמעריקען פעדערישאַן אָוו לייבאָר טאָן איצט, ווען פּרעזידענט הואָווער און דער קאָנגרעס האָבען זיך אָפּגעזאָגט צו הערען דאָס געבעט פון די הונגעריגע מיליאָנען?

* * *

די קאָנפערענץ פון דער אַמעריקען פע־דערישאַן אָוו לייבאָר האָט אין איהר דע־קלאַראַציע גאַנץ שאַרף אונטערגעשטראָכען דאָס רעכט פון די אַרבייטער אויף אַרבייט. דענקענדע אַרבייטער, ווערט אין דער דע־קלאַראַציע געזאָגט, אָנערקענען מעהר נישט דאָס רעכט פון דער אינדוסטריע צו געבען אַרבייט ווען עס וויל אָדער אַרויפצווינגען אַרבייטסלאָזיגקייט אויף מיליאָנען מענשען. זיי גלויבען, אַז דאָס רעכט אויף אַרבייט איז אַ פונדאַמענטאַל הייליגע רעכט און זיי זיי־נען גרייט צו קעמפען פאַר דער אַלגעמיינער אָנערקענונג פון אָט דעם מענשליכען פּרינ־ציפּ. אָנשטאָט צווינגען די אַרבייטער אומ־צוגעהן ליידיג אין צייטען פון עקאָנאָמישען שטילשטאַנד, פאָדערען די אַרבייטער, אַז עס זאָלען געמאַכט ווערען אַזוינע ענדערונגען אין דער צאָהל אַרבייטס־טעג אַ וואָך און אין דער צאָל שטונדען וואָס מ'אַרבייט אַ טאָג, אַזוי, אַז אַלע זאָלען קענען קריגען אַ גערעכטען טייל פון דער אַרבייט וואָס איז דאָ. זיכערקייט צו האָבען אַרבייט מוז פאַר־נעמען דעם פּלאַץ פון מורא און אַרבייטס־לאָזיגקייט. די פאַרוואַלטונג פון די אינ־דוסטריען וואָס איז אַזוי קלענליך דורכגע־פאַלען אין דער פאַרצווייגנער פּעריאָדע פון אַרבייטסלאָזיגקייט, מוז זיך איצט העכער דערהויבען און אָננעהמען אַ נייע ריכטונג. מען מוז באַגרייפען, אַז די אינדוסטריע האָט פליכטען צו די אַרבייטער פּונקט אַזוינע גרויסע אָדער נאָך גרעסערע ווי צו דער אינדוסטריע אַליין.

אַ באַלאַנסירטע סיסטעם, אינטעליגענט געפּלאַנט וועלכע וועט באַזאָרגען מיט באַ־שעפטיגונג אַלע אַרבייטער, מוז פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון דער נים ווייסענשאַפטליכער, נים עקאָנאָמישער סיסטעם, וועלכע עקזיס־טירט איצט אין די אינדוסטריעלע פאַרוואַל־טונגען.

דאָס איז פולשטענדיג ריכטיג. אייגענט־ליך ליגט אין דעם דער גאַנצער שווערפּונקט פון דער פראַגע. אַ געפּלאַנטע ווייסענשאַפט־ליך אויסגערעכענטע אינדוסטריע דאַרף פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער איצטיגער פּלאַנלאָזער און נים אויסגערעכענטער אינ־דוסטריע.

די אַרבייטער מוזען פאַרזיכערט ווערען מיט אַרבייט. יעדער וואָס וויל אַרבייטען, כדי צו קענען עקזיסטירען, מוז קריגען אַרבייט. עס איז זיין רעכט פון וועלכער ער טאָר נים באַרויבט ווערען. אָבער ווי פיהרט מען עס דורך?

אין דער דעקלאַראַציע ווערט פאָרגע־שלאָגען דער פאָלגענדער פּלאַן:

1) די באַלדיגע איינפיהרונג פון דער 5־טאָגיגער אַרבייטס־וואָך אין פּריוואַטע און קהל'שע אונטערנעמונגען.

2) אָפּשטעלען דאָס שנײדען ווײדזשעס וואָס איז אַזוי אומ'ברחמנות'דיג אָנגעפירט געוואָרען אין דעם יאָהר 1931, און וואָס האָט פאַרניכטעט די קויף־קראַפט פון די מאַסען און באַשאַפען אַ מורא און אומצו־טרויען אין די מחות פון מיליאָנען אַרביי־טענדע מענער און פרויען. ווי ריכטיג עס איז אָט די פאָדערונג קען מען ליכט איינ־זעהן ווען מען באַטראַכט דעם פאַקט, אַז דער פאַרלוסט אין ווײדזשעס פון די לוין־אַרבייטער, און פאָלגליך די פאַרקלענערונג פון זייער קויף קראַפט, האָט אין יאָהר 1931 אָנגעטראָפען די סומע פון עלף ביליאָן דאָלאַר אין פאַרגלייך מיט דעם יאָהר 1929.

3) עס זאָל פאַרגרעסערט ווערען די צאָהל אַרבייטס פּלעצער דורך דעם וואָס יע־דער אונטערנעמער זאָל אָנשטעלען ווייניג־סטענס נאָך איין אַרבייטער און דורך אויס־

טער באַדאַרפט זיין די ערגסט־באַצאָהלטע, און די ניט־אָרגאַניזירטע, וועלכע האָבען ניט איבער זיך קיינע פאַרפיהרער, האָבען באַדאַרפט זיין די פיל בעסער באַצאָהלטע אַרבייטער?

איהר זעהט, עס איז לייכט צו זאָגען, דאָס די פיהרער אין דער אַרבייטער־באַוועגונג זיינען פאַרקויפטע נשמות; נפשות, וועלכע געהען האַנד אין האַנד מיט די באָסעס נעגען די אַרבייטער. און עס וועלען זיך געפינען פילע מענשען, וועלכע וועלען צושאָקלען מיט'ן קאָפּ, און מסכים זיין צו אַזעלכע באַשולדיגונגען, ווייל אין דער אַרבייטער־באַוועגונג זיינען ווירקליך דאָ איינינע אַזעלכע סוביעקטען, וועלכע זיינען העכסט־אונעהרליך און וועלכע האָבען געמאַכט די אַרבייטער־באַוועגונג פאַר זייער מעלקעדיגע קוה.

אָבער עס מוז זיין קלאָר פאַר יעדען מענשען, וואָס קען נאָר עטוואָס דענקען, אַז דאָס קען ניט זיין דער אַלגעמיינער צושטאַנד אין דער אַרבייטער־באַוועגונג. דער פאַקט, דאָס זי איז דאָ, כאָטש אַ קראַנקע, אַ שוואַכע, אָבער זי לעבט און ווירקט אויף וויפיל עס איז מעגליך אונטער די אומשטענדען, איז דער בעסטער און שטאַרקסטער באַווייז, אַז ניט אַלעס איז קאָרופּט און פאַרפוילט אין דער אַרבייטער־באַוועגונג.

קיינער קען ניט לייקענען, אַז אין דער אַרבייטער־באַוועגונג זיינען דאָ צווישען די איצטיגע פיהרער איינינע, וועלכע זיינען זעהר און זעהר ניט פּאַסיג צו פאַרנעמען די שטעלע פון אַרבייטער־פיהרער. אָבער דאָס מיינט דאָך ניט, אַז די גאַנצע באַוועגונג אָדער די גאַנצע אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר איז דורך און דורך קאָרופּט און פאַרפוילט.

דערמאָנט זיך, אַז די פעדעריישאָן האָט ניט קיין צווינגענדע מאַכט אויף קיינע פון די יוניאָנס, וואָס זיינען אָן איהר אָנגעשלאָסען. ווי האָט גאָמפּערס אַמאָל געזאָגט, די גאַנצע אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר איז געגליכען צו אַ שטריק פון זאַמד. איין בלאָז פון אַ ווינטעל און זי צופאַלט. פונדעסטוועגען האַלט זיך אָט דער שטריק פון זאַמד שוין גאַנץ פעסט איבער פופציג יאָהר. איז דאָך געוויס עפּעס דאָ, וואָס האַלט צוזאַמען די יוניאָנס אין איין קערפּער, און דאָס וואָלט זיכער געווען גאַנץ אונמעגליך, ווען די קאָרופּציע, וועלכע מען ווארפט פאַר דער אַרבייטער־באַוועגונג, וואָלט געווען אַזאַ אַלגעמיינע.

לאָמיר דערמאָנען בלויז אָן אַ פּאָר פאַקטען, וועלכע זיינען אונזערע קלאָוקמאַכער געוויס גוט באַקאַנט. עס געהט ניט אַוועק די וואָך, און אפשר דער טאָג, ווען אין דעם אָדער יענעם שאָפּ זאָל זיך ניט פאַרגלוסטען דעם באָס פּטור צו ווערען, אונטער פאַרשיידענע אויסריידען, פון דעם אָדער יענעם אַרבייטער.

וואָלטען, למשל, די פיהרער פון אונזער יוניאָן געווען באמת שותפים מיט די באָסעס, וואָלטען דאָך קיינמאָל קיין סכסוכים ניט פאָרגעקומען, און יעדער געסעקסטער אַרבייטער וואָלט געמוזט אַרונטערשלינגען דעם ביטערען פיל פון ווערען געסעקסט.

וואָס איז אָבער דער אמת? די פיהרער פון דער יוניאָן קעמפען מיט אַלע כחות נעגען דעם הפקר־ווילען פון דעם באָס. אין די פעלע, וואו עס איז דאָ נאָר אַ חשד, אַז דער באָס האָט געהאַנדעלט נעגען איינעם פון זיינע אַרבייטער אונגערעכט, אַרבייטען די פיהרער מיט אַלע זייערע כחות, אַז דעם אַרבייטער זאָל געשעהן גערעכטיגקייט, און זיי קומען אָפט אַרויס די זיגער, און די באָסעס מוזען אָננעמען דעם ביטערען אורטייל פון דעם אונפּאַרטייאישען טשערמאַן און מוזען אָנשטעלען צוריק דעם געסעקסטען אַרבייטער.

טו ווי איז שייך צו זאָגען, אַז די פיהרער און די באָסעס געהען האַנד־אין־האַנד און זיינען שותפים אין אַראָפּשינדען די הויט פון די אַרבייטער?

נעמט נאָך אַ פאַל, וואָס איז אַלגעמיין באַקאַנט. טויזענדע און טויזענדע דאָלאַרס ווערען אויפגעמאַנט פון די באָסעס פאַר די אַרבייטער יעדען יאָהר, וועלכע וואָלטען זיכער געבליבען אין די קעשענעס פון דעם באָס, ווען ניט די יוניאָן דורך איהרע פיהרער. פרעגט זיך: וואָלטען די יוניאָנס אַזוי געהאַנדעלט ווען זיי וואָלטען געווען די שותפים פון די באָסעס?

פון דעסטוועגען, רעדט מיט אַ זאָגענאַנטען קאָמוניסט, און איהר וועט הערען באַלד די גאַנצע תוכחה אויסגעגאָסען אויף דער יוניאָן, אויף „קלעס קאָלאַבאָריישאָן", וואָס דאָס מיינט, אַז די יוניאָן און די באָסעס געהען האַנד אין האַנד נעגען די אַרבייטער. און פונקט ווי דאָס איז אמת בנוגע אונזער יוניאָן, אַזוי איז עס געוויס אמת בנוגע דער גאַנצער אַרבייטער־באַוועגונג, כאָטש עס איז ניט אויסגעשלאָסען דער פאַל פון איינינע אויסנאַמען.

די באַהויפּטונג, אַז אין דער איצטיגער דעפּרעסיע זיינען די אַרבייטער־פיהרער פונקט אַזוי שולדיג ווי די באָסעס, איז, נאַטירליך, ניט מעהר און ניט ווענינער ווי נאַרישע פּלאַפּלעריי פון מענשען, וועלכע ווייסען גאַנץ ווענינ פון די פיל טיפערע אורזאַכען פון דעם איצטיגען קריזיס. געוויס, אין ברייטען זין פון וואָרט זיינען מיר אַלע שולדיג אין דעם איצטיגען קריזיס. ווארים, ווען מיר האָבען אַ ביסעלע מעהר שכל און מאַכט, און וואָרפען אַרונטער די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם מיט צעהן יאָהר צוריק, וואָלטען מיר זיכער איצט ניט געליטען פון קיין דעפּרעסיע.

אָבער פון דעסטוועגען וועט קיינער מיט אַ גלייכען פאַרשטאַנד ניט באַשולדיגען קיינעם פון די מיליאָנען הונגער־ליידער, אַז זיי אַליין האָבען געבראַכט אויף זיך די צרות, ווארים יעדער פאַרשטעהט, אַז די אַרבייטער, אַזוי ווי זיי זיינען, אַזוי ווי זיי דענקען און פיהלען, האָבען ניט געקענט מאַכען די רעוואָלוציע מיט צעהן יאָהר צוריק, און מאַקע אפשר אויך ניט געוואָלט, זעהענדיג די גרויסע גליקען, וואָס די אַרבייטער האָבען אין די לענדער, וואו עס זיינען פאָרגעקומען געוויסע רעוואָלוציעס.

פונקט אַזאַ זין און טעם האָט די באַהויפּטונג, אַז די אַרבייטער־פיהרער זיינען עס שולדיג אין דער דעפּרעסיע דערפאַר, ווייל אין די לעצטע צעהן יאָהר זיינען זיי געווען צו רעספּעקטאַבעל, צו נאָכגעביג, האָבען ניט געפיהרט די אַרבייטער צום קאַמף.

דאָס מיינט דאָך צו זאָגען, אַז די פיהרער זיינען פשוט אַלמעכטיג, אַז זיי ווילען נאָר קענען זיי אויספיהרען ביי די אַרבייטער. הייסען זיי די אַרבייטער אַרויסצוגעהן אין קאַמף, איז אָט באַלד נעמען זיי שער און נאָדעל אָדער האַק און פּיקע און לויפען אין קאַמף; הייסען זיי די אַרבייטער צו בלייבען אין די שעפּער און אָננעמען מיט ליבע די קלענערע ווײדזשעס, וואָס די באָסעס באַטען זיי אָן, פאָלגען זיי ווי קאַטינקעס.

אָבער דאָס איז דאָך אַ גאַנץ משונה־דיגע פאָרשטעלונג פון דער מאַכט פון דעם פיהרער. ווי דער אמת איז, איז די מאַכט פון דעם פיהרער אַ שטאַרק באַגרעניצטע. מען פאָלגט דעם פיהרער נאָר דאַן, ווען ער דריקט אויס דעם פאַרלאַנג פון די יוניאָן־מעמבערס. קוים אָבער איז עס ניט דער פאַל, דאַן פאַרלירט דער פיהרער זיין גאַנצע מאַכט, אפילו ווען ער איז טויזענד מאָל גערעכט, און איז דווקא ענערגיש און טרייט דורכצופיהרען זיין וואונש. אָך, זיין גאַנצע ענערגיע ווערט אָפט צוקלאַפּט אָן דעם שטיין פון ניט־וועלען פון זיין מעמבערשיפּ, פון וועלכער ער איז דער פיהרער. און וועה איז דעם פיהרער, וועלכער זעהט באַלד ניט איין, אַז מיט געוואַלד קען ער זיין קאָפּ ניט אַרויפזועצען אויף די גרויסע מעמבערשיפּ, קען ניט דורכזועצען זיין ווילען נעגען דעם אונווילען פון דער גרויסער מאַסע.

מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט אין ניו יאָרק אויסגעבראָכען אַ סטרייק פון די סטריט־קאַר אַרבייטער. די קאַר־קאָמפּאַניס זיינען געווען דורכאויס ענטשלאָסען צו צוברעכען די יוניאָן פון די סטריט קאַר אַרבייטער.

די פיהרער פון די יוניאָנס אין ניו יאָרק האָבען דאָס באַלד איינגעזעהן, און כדי צו צווינגען די קאָמפּאַניס נאָכצוגעבען די זעהר מעסיגע פאָדערונגען פון די סטרייקער, האָבען זיי באַשלאָסען צו רופען אַ דזשענעראַל־סטרייק פון די אַרבייטער אין ניו יאָרק. אָבער די אַרבייטער האָבען זיך ניט אָנגעהויבען צו ריהרען פון זייערע פּלעצער. מעהר נאָך, זיי זיינען געפאָהרען צו דער אַרבייט אין

(שלוס אויף זייט 12)

די ראליע פון די פיהרער אין דער ארבייטער־באוועגונג

פון ש. יאנאווסקי

עס איז א זעהר באקוועמע זאך צו האבען א שעיר לעזאזל, אויף וועמען מען קען ארויפווארפען די שולד פאר איינעמס אלע זינד און צרות, און אויסגיסען אויף איהם דעם גאנצען גרימצארן. איז דערפאר, ווען אין דער ארבייטער־באוועגונג געהט ניט אלעס אזוי כשורה, ווי עס וואלט זיך געוואלט עס זאל זיין, איז דער פיהרער דער ערשטער, אין וועמען עס ווערען געשאסען די קוילען פון קריטיק, און זעהר אפט נאך, עטוואס פיל ערגערעס ווי קריטיק... ממש גאנצע הויפענס בלאטע און ווידלעריי.

יא, עס איז באקוועם צו האבען אימיצען, אויף וועמען צו ווארפען די שולד.

און, זאל דא געזאגט ווערען, אז די קריטיק אויף די ארבייטער־פיהרער איז ניט דורך און דורך אן אונבארעכטיגטע. ווארים, ווי באלד ווען אלץ געהט כשורה, ווען די ארבייטער פארדינען גוט, שרייבען עס די פיהרער צו צו זייער גאנצען קרעדיט, און זיי רירען איין אי זיך אי אנדערע, אז דאס איז זייער חכמה, זייער ענערגיע, וועמען די ארבייטער האבען צו פארדאנקען פאר זייער וואוילשטאנד: זייערע פעטע וויידזשעס, זייער גוטע באהאנדלונג פון דער זייט פון די באסעס, זייער פארהעלטניסמעסיג לייכטע ארבייטס־שטונדען, — דאן, אז די לאגע ווערט אלץ ערגער און ערגער פאר די ארבעטער, מוזען די פיהרער ניט פאראיבעל האבען ווען מען זאגט, אז עס איז זייער שולד ווען אלץ געהט מיט דער קומער ארויס.

צו וועלען האבען דעם גאנצען קרעדיט פאר זיך אין דער צייט, ווען אלעס איז אין א צושטאנד פון געהויבענקייט און אויפשוואונג, און ניט וועלען געטאדעלט ווערען ווען אלץ איז אין דעם שטאדיום פון נידערגאנג, פון א גרויסער רעאקציע, איז, לויט מיין מיינונג, א ביסעל צו פיל פארלאנגט. כאטש דאס איז אויך ניט מעהר ווי מענשליך; צו וועלען ווערען געלויבט פאר דאס גוטע, וואס איהר טוט, און ניט קענען פארלירען די מינדעסטע קריטיק ווען איהר פארגרייזט אין עטוואס, ווען איהר האט געהאט דעם שלימזל צו פארזעהן געוויסע ערשיינונגען, וועלכע האבען נויטווענדיגערווייזע געמוזט קומען; ווען איהר פארפעהלט צו באנוצען זיך אין צייט מיט געוויסע געלעגענהייטען.

איצט, נאך דער קליינער הקדמה, לאמיר באטראכטען די וויכטיגסטע טענות געגען די פיהרער.

עס ווערט באהויפטעט, דאס אין דער איצטיגער דעפרעסיע זיינען די פיהרער פון דער ארבייטער־באוועגונג ניט ווייניגער שולדיג, ווי די גאנצע איצטיגע קאפיטאליסטישע סיסטעם. וואלטען די פיהרער ניט געווען אזוי רעספעקטאבעל, אזוי קאנסערוואטיוו, אזוי נאכגיביג אין די לעצטע צעהן יאהר, וואלט די איצטיגע דעפרעסיע ניט געווען אזא שרעקליכע.

אויב דאס איז ווירקליך א פאקט, דאן זיינען די פיהרער אין דער ארבייטער־באוועגונג די שונאים פון די ארבייטער, אזוי גוט ווי די באסעס, און דאן וואלטען די ארבייטער באדארפט אנפיהרען פונקט אזא מלחמה געגען זייערע פיהרער, ווי זיי פיהרען עס געגען די באסעס. דאן זיינען אלע פיהרער, באוואוסטזיניג אדער ניט, די פ א ר פ י ה ר ע ר פון די ארבייטער. און יעדער עהרליכער מענש, אין אדער אויסער דער ארבייטער־באוועגונג, וואלט זיי באדארפט בראנדמארקען אלס די ערגסטע שונאים פון די ארבייטער. דאן וואלטען מיר געהאט צו טאן מיט א באנדע פארברעכער, וועלכע זייענען, אונטער דער מאסקע פון ארבייטער־פיהרער, די אייגענטליכע שותפים פון די באסעס, וועמען זיי העלפען מיט אלע זייערע כחות צו שינדען די ארבייטער וואס מעהר.

לעגט זיך עס אבער אויפ'ן שכל? קען דאס זיין, אז די ארבייטער־פיהרער זאלען זיין אזוי בלינד, אזוי נאריש, שוין ניט זאגען אזוי אונעהרליך, אז זיי זאלען זיך אליין אזוי שאדען?

לאמיר עס באטראכטען.

די מעהרסטע פיהרער פון דער ארבייטער־באוועגונג ווערען זעהר אנשטענדיג באצאהלט פאר זייער ארבייט. פילע פון זיי ווערען שוין א ביסעל צו גוט באצאהלט. למשל, א באאמטער אין דער מאושיאן־פיקטשור אפערייטארס יוניאן, וועמעס גאנצע מעמבערשיפ איז ארום דרייצעהן הונדערט, האט א געהאלט פון איבער זיבען־און־פערציג טויזענד דאלאר א יאהר — אזוי באהויפטעט דער שרייבער לואי אדאמיק אין זיין ארטיקעל אין „הארפער'ס מעגעזין" פון דעם מאנאט יאנואר. דער פרעזידענט פון דער פעדערײשאן פון די מוזיקער, וועמעס א גאנצע העלפט פון די מעמבערס איז ארבייטסלאז, קריגט א יעהרליכען געהאלט פון 20 טויזענד דאלאר. פארשטייט זיך, אז יעדער מענש וועט צוגעבען, אז אט די ריזיגע סאלאריס זיינען סקאנדאליעזע. קיין ארבייטער־פיהרער פארדינט ניט און קען ניט פארדינען אזעלכע הויכע געהאלטען. אבער טאקע דאס, וואס זיי קריגען יא אזעלכע הויכע סאלאריס פון זייערע יוניאנס, מאכט דאך אונמעגליך צו דענקען, אז זיי, מיט זייערע האנדלונגען, זאלען זיין אזעלכע נארען, דאס זיי זאלען וועלען קוילענען די הון, וואס לעגט פאר זיי גאלדענע אייער. זאלען מיר אננעמען, דאס זיי זיינען העכסט אונעהרליך, אבער קיין אידיאטען זיינען זיי דאך ניט. זיי מוזען דאך פארשטעהן, אז אויב זיי וועלען ניט ארבייטען פאר די אינטערעסען פון די ארבייטער, וועמעס פיהרער זיי זיינען; ווען, נאך מעהר, ווען זיי וועלען ארבייטען געגען זייערע אינטערעסען און אין די אינטערעסען פון די באסעס, וועלען דאך זייערע יוניאנס ווערען אלץ שוואכער און שוואכער, ביז זיי וועלען אין גאנצען פארשווינדען. טו פון וועמען וועלען זיי דאן ציהען זייערע גרויסע געהאלטען?

אנגענומען, אז צווישען די ארבייטער־פיהרער זיינען דא אזעלכע, וועלכע טראכטען: לאמיר דערווייל ראבעווען אזויפיל, וויפיל עס איז מעגליך, און דאן מעג קומען דער מבול. אבער אזעלכע מוזען זיין בלויז איינצעלנע, ווארים, ווען דאס וואלט געווען דער כלל אין דער ארבייטער־באוועגונג, וואלט דאך שוין לאנג ניט באדארפט בלייבען קיין זכר פון איהר. נאך אלעמען, ווי נאריש דער ארבייטער מעג זיין, אבער זיכער קען ער ניט ניט דערפיהלען, דאס זיין גרעסטער שונא איז דוקא זיין פיהרער, און ווי מעכטיג דער פיהרער זאל ניט זיין, וואלט ער ניט געקאנט ארויפצווינגען אויף די ארבייטער דעם שרעקליכען אונערטרעגליכען יאך.

איך ווייס, עס איז כמעט אלגעמיין אנגענומען, אז דער יוניאן־ארבייטער איז דער מעהר אינטעליגענטער, דער מעהר דענקענדער ארבייטער, ווי דער, וואס איז ניט ארגאניזירט. אבער, אויב די באהויפטונג, דאס דער פיהרער פון א יוניאן איז דער גרעסטער און שרעקליכסטער שונא פון די ארבייטער, איז ריכטיג, דאן וואלט מען געמוזט איבערקערען דעם פסוק און זאגען, אז די אמת־קלוגע ארבייטער זיינען די 85 פראצענט, וואס זיינען ניט ארגאניזירט, און די 15 פראצענט, וואס זיינען יא ארגאניזירט, זיינען די גרעסטע באלוואנעס, וואס די וועלט פארמאגט.

הייסט, לאמיר באטראכטען די זאך פון אן אנדער ווינקעל. ניט אכטענדיג אויף די גאנצע ראבירעריי פון דער זייט פון די ארבייטער־פיהרער איז עס אבער א פאקט, דאס די ארגאניזירטע ארבייטער זיינען דאך די בעסער־באצאהלטע ארבייטער; די אונארגאניזירטע ארבייטער זיינען אין דער הינזיכט ווייט ערגער אפ ווי די, וועלכע געהערען צו א יוניאן. פרעגט זיך, ווי קומט עס? אויב די פיהרער זאלען טאקע זיין די שותפים פון די בעלי־בתים, די ארבייטס־געבער, האט דאך באדארפט זיין פארקערט, האבען די ארגאניזירטע ארביי־

סטראַטעגיע. דאָרט וואו מען קען אין די שעפּער ניט אריין, באוואכט מען די אריינגאַנגען צום בילדינג, מען שטעלט אָפּ די ארבייטער ביים אריינגאַנג און מען פּרובירט זיי באַוועגען זיך אנצושליסען אַן סטרייק.

ווען די קאָמיטעס פון דער יוניאָן האָבען געביטען זייער סטראַטעגיע, האָבען אויך די ביסעל פאַרביסענע סטרייק־ברעכער, וועלכע זוכען אונטערצוסקעבען, געביטען זייער טאַקטיק. זיי זוכען צו פאַרלייקענען זייער באַשעפטיגונג און דעם פּלאַץ וואו זיי ארבייטען. דערפון קומען ארויס מאַנכע קאָמישע פאַסירונגען וועלכע גיבען די פּיקעטס א געלעגענהייט צו לאַכען.

אזא געשיכטעלע האָט פאַסירט אין דעם סטרייק לעבען א גרויסע געביידע אויף בראָדוויי.

די דאָזיגע 30 שטאָקיגע געביידע איז כמעט אין גאַנצען פאַרנומען מיט דרעסשעפּער. די פּיקעטס האָבען דעריבער באַלאַגערט די געביידע פון אלע זייטען, ביי אלע אריינגאַנגען, ווי מען באַלאַגערט דעם שונא'ס א פעסטונג, און האָבען קיין ארבייטער אהין ניט אריינגעלאָזט ביז זיי האָבען געגנוי חוקר ודרוש געווען ווער דאָס איז און וואו ער גייט.

איין פרימאָרגען איז צום ראָג גאָס לעבען דער געביידע צוגעקומען אן עלטערע פרוי פון א יאָהר 50, און דערזעהענדיג די מאַסע פּיקעטס ביים אריינגאַנג, האָט זי זיך גענומען ארומדרייען אין ווינקעל, קאַפּענדיג יעדעס מאָל א קוק אויפ'ן טיר און ניט וואַגענדיג צו קומען נענטער.

לויט איהר אויסזעהן, האָט מען גלייך געקענט דערקענען, אז דאָס איז איינע פון יענע עלטערע אימיגראַנטען פרויען, וועמען די נויט האָט פאַר די לעצטע פאָר יאָהר אויסגעריסען פון היים און פאַמיליע, פון קיך און וואַש־טאָב און זיי פאַרוואָרפען אין שאָפּ. איהר צעקנייטשטער פּנים איז געווען געל, אנגעבלאָזען און גוידערדיג. פון אונטער אן אלטמאָדישער שוואַרצער, קיילעכדיגער היטעלע, האָבען ארויסגעשטעקט פּאַסמעס צעפּאַטעלטע, אש־גרויע האָר. דער קערפּער קורץ, פעט און צוגאָסען, איינגעוויקעלט אין אַן אַלטען, ערטערווייז אויסגעקראַכענעם פוטערנעם מאַנטעל, האָט זיך שווער געוויגט אויף א פּאָר גראָבע, אנגעשוואָלענע פיס, וועלכע האָבען אויסגעזעהן ווי צוויי סוקעוואַטע קלעצלאך. אונטער'ן ארים האָט זי געטראָגען א פּעקעל איינגעוויקעלט אין ברוינעם צעקנייטשטען פּאַפּיר. א פּנים — איהר מיטאָג, וואָס זי האָט מיטגענומען פון דער היים.

די פרוי האָט זיך א ווײַלע ארומגעדרייט ארום דעם קרייז פּיקעטס, און האָט שוין א פּנים באַשלאָסען, עס איז אן אומזיסטע טרחה. זי וועט שוין אין שאָפּ היינט ניט קענען אריין.

אָבער אָט קומט אָן פון גאָס א יונגע אמעריקאַנער פלעפּערקע. הויך, שלאַנק, אנגעטאָן נאָך דער לעצטער מאָדע. דאָס פּנים'ל אנגעמאָלען, בלוט און מילך. זי רייסט זיך שטאָלץ דורך צווישען די פּיקעטס און נעמט גיין צום אריינגאַנג.

— וואו גייסטו, שוועסטער? — כאַפּט איהר אָן איינע פון די פּיקעטס ביים ארבעל, — „עס איז א גענעראַל סטרייק ביי דרעסעס", גיט מען איהר צו פאַרשטעהן.

— איך בין א מאָדעל, — ענטפערט די פלעפּערקע.

די פּיקעטס טרעטען אָפּ אָן א זייט און לאָזען איהר דורך.

די עלטערע פרוי, זעהענדיג ווי די מידעל איז דורכגעגאַנגען אָן שוועריגקייטען, לאָזט זיך אויך גיין צום אריינגאַנג.

— וואו גייט איהר, באָבע? — פאַרשטעלט איהר א פּיקעט דעם וועג.

— איך בין א מאָדעל, — מורמעלט די אלטיטשקע, ניט וויסענדיג, וואָס דאָס איז אזוינס. צווישען די פּיקעטס ברעכט אויס א געלעכטער.

די פרוי פאַרשעמט זיך און נעמט אוועקגיין. פון איין עק גאָס צום צווייטען טראָגט זיך א לאַכעדיגער רוף פון די סטרייקערס.

„לוק עט די מאָדעל, גוירלס! לוק עט די מאָדעל!"

אָהן אָן אָנהויב און אָהן א סוף.

פאַר פרייטאָג אין דער פריה האָט די יוניאָן אויפגעפאָדערט אלע סטרייקער ארויסצוקומען אין די גאַסען און דעמאָנסטרירען זייער מאַכט. די באַלעבאָטים און זייערע געטרייע ארויסהעלפער — די קאָמוניסטען, וועלכע זיינען דורכגעפאַלען אין אלע זייערע מאַנעוורעס געגען סטרייק, האָבען די ערשטע פאָר טעג געהאַלטען אין איין דערצעהלען דעם עולם אז דער דרעס מאַכער סטרייק איז א דורכפאַל. אז בלויז א קליינע צאָהל דרעס מאַכער זיינען ארונטער אויפ'ן רוף פון דער אינטערנעשאָנעל. האָט די יוניאָן באַשלאָסען צו ווייזען דער וועלט איהר אמת'ע מאַכט און די איבערגעבענהייט פון דער קעמפער־ארמיי.

דער פרימאָרגען איז געווען א קאַלטער אָבער א ליכטיגער. די זון האָט באַגאָסען די גאַסען פון קליידער צענטער מיט געשמאָלצענעם גאָלד. די גאַסען זיינען נאָך שטיל געווען און האַלב לעדיגלאַך. די אָפענע מיילער פון די סאָבוויים האָבען לאַנגזאַם ארויסגעשטויסען פון זיך מענשען, איינצעלנע און קליינע גרופּקעס וועלכע זיינען זיך פאַרנאַנדערגעגאַנגען אין דער קאַלטער פרימאָרגען לופט ווי דער אָטעם פון א ריזיגער חיה.

פּלוצלונג האָבען די גאַסען אויפגעלעבט. פון פאַרשידענע זייטיגע גאַסען האָבען גענומען שטראָמען טייכלאַך פון מענשלאַכער לאַווא. רייען און רייען ארבייטער, מענער און פרויען, יונגע און אלטע, מיט ווייסע בענדער און רויטע אויפשריפטען אויף די מאַנטלען און הים, האָבען זיך געצויגען פון די זייטיגע גאַסען אין דער 7טער עוועניו. די אלע שטראָמען האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין פליסענדען, רוישענדען מענשען־שטראָם וועלכער האָט פאַרפלייצט אלע גאַסען. ווי ווייט דאָס אויג האָט געקענט זעהן, איבער דער לענג פון דער עוועניו און די זייטיגע גאַסען האָט זיך באַוועגט און געשלענגעלט אָט דער אומאויפהערליכער מענשען שטראָם.

אין אָנפאַנג בין איך מיטגעטראָגען געוואָרען מיט'ן שטראָם, באַלד אָבער בין איך ארויס פון דער רייה. איך האָב געוואָלט זעהן די גרויס פון פאַראַד, די צאָהל מענשען, וואָס מאַרשירען.

אויפ'ן טראָטואַר איז געווען אוממעגליך צו געהן. איך בין ארונטער ביים זייט און גענומען האַסטיג שפּאַנען. האָב געדענקט אריבעריאָגען די מאַרשירער און דערגרייכען דעם אָנהויב פון דער קאָלאָנע.

איך האָב זיך אָבער שנעל איבערצייגט אז דעם פּלאַן קען איך ניט דורכפירען. ווי שנעל איך בין ניט געלאָפען, האָב איך דעם אָנהויב פון די מאַרשירער ניט געקענט כאַפּען. א פאַרמאַטערטער האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביי א ראָג און פּרובירט וואַרטען ביז די איבעריגע פון פאַראַד וועלען דורכמאַרשירען.

איך האָב געוואַרט און געוואַרט. בין גוט דורכגעפרוירען געוואָרען. דער מענשען שטראָם האָט זיך אלץ געצויגען און געצויגען אָהן א סוף, א באַקאַנטער, וועלכער פאַרביי מאַרשירט, האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— וואָס שטייסטו דאָ? — פרעגט ער מיט גלאַנציגע אויגען, — און ווי גלייכסטו אונזער דעמאָנסטראַציע?

— וואונדערבאַר! — זאָג איך. — א זעלטענע דעמאָנסטראַציע! אָבער, ווי ווייט ציהט זי זיך? וואו איז דער סוף?

— געה, שוין געה! — לאַכט ער. — עס האָט ניט קיין סוף.

איך האָב זיך אויפ'ן סוף נישט דערוואַרט. א פאַרפרוירענער בין איך אריין אין א קאַפע, דערוואַרימען די ביינער.

בעסטיעס.

ווען די דעמאָנסטראַציע פון די דרעסמאַכער האָט זיך געצויגען איבער די גאַסען, האָט מען די קאָמוניסטען אויפ'ן אויג ניט אָנגעזעהן. ווי די מייז זיינען זיי אין די נאָרעס אנטלאָפען. דער ריזיגער ערפאָלג אָבער פון דער דרעס מאַכער דעמאָנסטראַציע און זייער איינענער קלעגליכער דורכפאַל האָט זיי פאַרביטערט, פאַרגאַלט.

זייער מאַכטלאָזען כעס האָבען זיי דעם זעלבינגען טאָג אויסגעלאָזען צו די סענדוויטשעס, וואָס איינער פון ׳דער שפּייזקאָמיטע פון סטרייק האָט געטראָגען פאַר די סטרייקערס אין א האָל אויף 4טער גאָס. א כאַפּטע „לינקע" זיינען איהם באַפאַלען, ארויסגעריסען ביי איהם עטליכע פּעקלאַך און די סענדוויטשעס צעוואָרפען איבער'ן גאָס.

מיט די ניו יארקער דרעסמאכער

(בילדלאך און סצענקעס)

פון ש. פארבער

ערב מלחמה.

די נאכט איז צונעפאלען א שטילע און פארנעבעלטע. א פייכטע, קלעפּיגע קעלט קריכט אין די ביינער. די שאפּ־געביידעס אויף 15טער גאס, ארום רענד סקול, שטייען פינסטער און פארלאזען. בלויז ביים אריינגאנג פון האָל דרינגט דורך א שוואכע ליכט. איינציגע פיגורען, איינגעהילטע, גליטשען זיך דורך פון צייט צו צייט ווי שאָטענס איבער'ן טראטואר און ווערען פארשלונגען אין טונקעלען אריינגאנג צום האָל.

אין לאבי שטייען גרופּען דרעס מאכער אין רעדלאך און שמועסען שטיל. אויף די פּנים'ער איז אויסגעגאָסען א ניכטערע ערנסטקייט, א געשפּאנטקייט, ווי ביי מענשען וועלכע ערווארטען א לעבענס־וויכטיגע אנטשיידונג. אינעווייניג, אין אודיטאָריום, זיינען פארזאמעלט די עקזעקוטיוו באָארד מיטגלידער און בעאמטע פון דער דרעס מאכער יוניאן. זיי זיינען צוזאמענגערופען געווארען אויסצוהערען די לעצטע באריכטען פון די פארהאנדלונגען מיט די באלעבאטים. דער גענעראל־שטאב איז צוזאמענגערופען געווארען אויסצואַרבייטען די לעצטע פארבערייטונגען צו מלחמה.

די פארהאנדלונגען מיט די באלעבאטים האָבען זיך לאנג געצויגען. דאס יאהר איז עס געווען אָפענע דיפּלאָמאטי. עס איז פאר די דרעס מאכער קיין סוד ניט, אז באלד־באלד וועלען זיי גערופען ווערען צו ווארפען די ארבייט און ארויס אויף די גאסען. זיך שטעלען אין די פּיקעט־ליינס אויסקעמפען זייער רעכט אויף לעבען. פעהלט איצטער דער רייצענדער סוד, וואס באשטראהלט אלע מאָל די פּנים'ער פון מענשען ביי אזא געלעגענהייט. אנשטאט דעם איז אויף די פּנים'ער אויסגעגאסען א ענטשלאָסענהייט און אן אומגעדולד. אין די אויגען גלאנצט א שארפער פראגע צייכען. ווען? ווען גייט מען שוין ארונטער אין סטרייק?

אין דעם זשום פון געשפּרעכען דערטראגט זיך פון זאל שארפע, ווי פון שטיין געהאקטע ווערטער פון יוניאן־פיהרער. — „אונזערע קאָנפערענצען מיט די באסעס זיינען אָפּגעבראכען. זיי ווילען אונזערע פאָדערונגען ניט נאָכגעבען. זיי זיינען אנטשלאָסען צו פארניכטען אלץ וואס מיר האָבען זיך ביז איצט אויסגעקעמפט. מיר ענטפערען מיט א סטרייק־רוף מאָרגען אין דער פריה".

אויפ'ן פּלאטפאָרם, אין האנד פון דעם רעדנער, גיט א בליץ א ווייסער צירקולאר מיט רויטע בוכשטאבען: „דרעס מאכער גענעראל סטרייק". צווישען די פארזאמעלטע טראָגט זיך דורך א הארציגע ווארימקייט ווי א כוואליע. אויגען לייכטען אויף. די שטארקע אנגעצויגענקייט, דער אומגעדולד ווערט צעשמאָלצען. מאָרגען אין דער פריה!

דער סטרייק רוף.

דינסטאג פאר טאג. די גאס איז נאָך פינסטער. א טרוקענע בייסענדע קעלט נעמט דורך די גלידער. א שניידענדער צפון־ווינט שטעכט דאס לייב ווי מיט נאָדלען.

מענשען איינצעלנע און אין קליינע גרופּעס, ציהען זיך צום ברייענט האָל. די אקטיווע דרעס מאכער קומען זיך צוזאמען. דאָ דארפען זיי קריגען די לעצטע אינסטרוקציעס. דאָ וועלען זיי נעמען די סטרייק צירקולארען און זיך פארנאנדערלאָזען אין די גאסען. זיי וועלען פארשפּרייטען דעם סטרייק־רוף צווישען די ארבייטער ווען יענע גייהען אין די שעפּער.

דער גרויסער האָל קוקט אויס ווי א רעקרוטירונגס־צענטער ערב מלחמה. מענער און פרויען, עלטערע, מיטעל יעהריגע און נאָך גאר יונגע שטראָמען אין האָל אריין. א סך פון זיי זיינען וועטעראנען, פּנים'ער וועלכע זיינען נאָך איינגעקריצט אין מיין זכרון פון פריהערדיגע קאמפען. פילע פון זיי זיינען אבער נייע. מענשען וועלכע איך האָב אין די פריהערדיגע מלחמות ניט באגעגענט. אייניגע זיינען שוין ווארשיינליך לאנג אין טרייד, האָבען זיך אָבער פריהער אקטיוו ניט באטייליגט אין דער יוניאן. אנדערע, איבערהויפּט די איננערע, זיינען נייע, דאָס זיינען די וואס זיינען די לעצטע פּאָר יאהר אריינגעצויגען געווארען מיט'ן שטראָם אין די דרעס שעפּער. דער דרעס טרייד איז געוואקסען. אוננאטירליך געוואקסען. די צעברעקלונג פון די שעפּער, דער געבורט פון די סוועט שעפּער, וועלכע האָבען זיך פארשפּרייט ווי א מגפה, האָט אין טרייד אריינגעצויגען גאנצע מחנות לעהרער. מעהרסטענס יונגע אמעריקאנער, שפּאנישע און שווארצע מיידלאך. א צאָהל פון זיי האָט דאָס לעבען ארויסגעשטופּט אין פאָדערגרונד. זיי זיינען געווארען שאָפּ־טשערליים, אקטיווע יוניאן לייט, און איצט זיינען זיי געקומען זיך אנשליסען אָן דער שטורעם־ברינגאדע, אָן די ערשטע קעמפער אין שלאכט פעלד.

פארגלייך איך אין מיין זכרון אָט די מענשען מיט זייערע פאָרגענגער, מיט די אקטיווע יוניאן־לייט פון 10 און צוואנציג יאָהר צוריק, ווארפט זיך אין די אויגען א געוואלדיגער אונטערשיד, אן אונטערשיד סיי אין זייער אויסזעהן און סיי אין זייער האלטונג. דוכט זיך די זעלבע יונגע בחורים און מיידלאך, דאָך זיינען זיי עפּעס ווי אויסגעוואקסען. נישטאָ דאָ די פלאמיגע באגייסטערונג וואס איז געווען בלינד צו דער ווירקליכקייט. נישטאָ אויך דער ערנסטער פאנאטיזם וועלכער לאָזט נישט קוקען ניט פאראויס און ניט צוריק, וועלכער קוקט נאָר אויף איין פּינטעל, אויף די געפיהלען אין דעם איצטיגען מאָמענט. דאָס זיינען ניט מעהר די קינדער, וואס זיינען מיט מסירת נפש געגאנגען אויף די פּיקעט ליינס אין 1909. דאָס זיינען דערוואקסענע, לעבענס־ערפאהרענע מענשען וועלכע ווייסען די שוועריגקייטען, זיינען גענוי באקאנט מיט די געפאהרען, זיינען אָבער דאָך אנטשלאָסען צום קעמפען, ווייל דער לעבען איז אומדערטרעגליך, ווייל קיין אנדער אויסוועג איז נישטאָ.

אין די אנטשלאָסענע, מוטיגע אויגען פון אָט די קעמפער, בליצט קאלטער פלאם ווי דער גלאנץ פון פּאָלירטען שטאָל. דער בליץ פון מוט און אנטשלאָסענהייט, אנשטאָט דעם אמאָליגען פייערל פון יוגנד און הייסע געפיהלען. די קעמפער זיינען אויסגעוואקסען.

די מאָדעל.

ניט נאָר האָבען זיך די מענשען געביטען, אויך די שעפּער אין וועלכע זיי ארבייטען האָבען זיך געביטען. נישטאָ שוין מעהר די שעפּער אין גרין סטריט, וואוסטער סטריט, וואָקער און ספּרינג סטריט. נישט מעהר די צוויי־דריי עטאזשיגע חורבות, וואו מען פלעגט ארויפּקלעטערען מיט געדרייטע, קרעכצענדע הילצערנע טרעפּען. וואו דער דיקער שטויב האָט פארשטיקט דעם קלאנג פון די טריט און א קאָמיטע פון דער יוניאן האָט לייכט געקענט צוקומען שטילערהייד צום שאָפּ און ארונטערנעמען די ארבייטער. די דרעס שעפּער געפינען זיך היינט אין די מאָדערנע הימעל־קראצערס. אויפ'ן צוואנציגסטען, פינף־און־צוואנציגסטען, דרייסיגסטען עטאזש, וואו מען מוז ארויפפאָהרען מיט אן עלעוויטאָר.

די סוועט שעפּער האָבען זיך ניט פיל געענדערט. דער גרויסער לאָפט איז צעטיילט אין קליינינקע צימערלאך, יעדעס קעמעריל — א באזונדער פאבריקעל. אין פילע פון זיי איז נאָך געבליבען די זעלבינע ענגשאפט, די זעלבע פינסטערניש, דער זעלבער שמוץ, עס איז אָבער שווערער פאר קאָמיטעס אהין אריינצוקומען. טורמעס זיינען עס, מיט די אָנגעשטעלטע און עלעוויטאר־לייטע אלס די וועכטער.

מוזען די סטרייקער אנווענדען א נייע

17-טען פעברואר גלייך נאך דער ארבייט אין ברייענט האל. די שאפ-טשערלייטע זיינען אלע געקומען און אנגעפאקט דעם גרויסען האל אזוי, אז מען האט געמוזט נעמען די צווייטע, נעקסטע האל. אלע זיינען געזעסען מיט געשפאנטען אינטערעס און זיך צוגעהערט מיט באגייסטערונג צו די רעדעס וואס זיינען ביים מיטינג געהאלטען געווארען. די רעדנער זיינען געווען פרעזידענט שלעזינגער, גענ. סעק. דובינסקי, איזידאר נאגלער, גענ. מענעדזשער דזשאינט באארד, ס. נינפא, ערשטער וויס-פרעזידענט און ל. ליווי, מענעדזשער פון לאקאל 1.

אלע רעדנער זיינען געווען אויסגעצייכענט און האבען, יעדער אויף זיין שטייגער, געמאלען א בילד פאר די טשערליים, פון דעם וואס מיר קענען ערווארטען פון אונזערע בעלי בתים אין פאל מיר וועלען באצייטענס זיך ניט מאביליזירען צו געבען זיי א געהעריגען ווידערשטאנד. פרעזידענט שלעזינגער האט אין זיין רעדע שטארק באטאנט, אז אננעמען באשליסע און רעזאלוציעס איז ניט גענוג. די טשערלייטע — ארבייטער פון שאפ וואס זיינען גוט באקאנט מיט דער לאגע אין טרייד און ווייסען אויך ווי די באלעבאטים שארפען אויף אונז די ציין, מוזען גלייך, פון מארגענדיגען טאג אן, אנפאנגען אקטיוו מיטהעלפען אז אלע מאביליזאציאנס פלענער פון דער יוניאן און ספעציעל די פינאנציעלע פארבערייטונגען זאלען דורכגעפירט ווערען ערפאלגרייך, אזוי אז דאס זאל זיין א ווארנונג צו אלע וואס חלומ'ען אז זיי קענען אונזער יוניאן ווען באזיגען.

פרעזידענט שלעזינגער'ס רעדע, אזוי גוט ווי די רעדעס פון די אנדערע אויבענדערמאנטע פירער, זיינען אלע אויפגענומען געווארען מיט הארציגער באגייסטערונג און לאנגע אפלאדיסמענטען.

דער שאפ טשערמאן, בר. פריימאן, פון קאהן און וויינבערג, האט דאן פארגעשלאגען א רעזאלוציע, אין וועלכער זיי הייסען גוט אלע מאביליזאציאנס-פלענער פון דער יוניאן און פארפליכטען זיך צו העלפען מיט אלע כחות דורך פיהרען די דאזיגע פלענער סיי מיט טאן די ארגאניזאציאנס-ארבייט און סיי מיט שאפען די נויטיגע פינאנסען פאר'ן סטרייק.

(די רעזאלוציע איז געדרוקט אויף אן אנדער פלאץ אין דעם נומער).

דער מיטינג האט אויך אנגענומען פאלגענדע באגריסונג צו די דרעס-סטרייקער:

„נעמענדיג אין אנבאטראכט דאס אונזער שוועסטער ארגאניזאציע, די דזשאינט באארד פון דער דרעס מאכער יוניאן פון ניו יארק, איז ארוים אין א גענעראל סטרייק פאר א בעסערען לעבען און פאר איינשטעלען יוניאן באדינגונגען אין די דרעס שעפער, באשליסען מיר, די קלאוק-טשערליים, פארזאמעלט ביי א מיטינג, מיטוואך, דעם 17טען פעברואר, פאר דעם צוועק צו מאבילייזירען אונזערע איינענע קרעפטען פאר דעם קומענדען אונפארמידליכען קאמף, צו שיקען אונזער ברידערליכען גרוס צו די דרעס סטרייקער און מיר פאדערען אויף אלע אונזערע שאפ-טשערליים און אונזערע מעמבערס בכלל צו געבען זיי אלע מעגליכע הילף, דורך פיקעטען און דורך אנדערע וועגען פון הילף, כדי צו מאכען מעגליך אז אן ענטשידענער זיג פאר די דרעסמאכער זאל קומען וואס שנעלער.”

***

דער רעפערענדום ביי די לאקאלס האלט זיך ביים ענדיגען. די לאקאלס וואס האבען שוין געשטימט איבער דעם סטרייק-טעקס פון 15 דאלאר, באריכטען אונז, אז זייערע מעמבערס האבען מיט גרויס באגייסטערונג אלע איינשטימיג גוטגעהייסען דעם סטרייק טעקס. דער רעפערענדום וועט זיך אין די קומענדע פאר טעג שליסען. עס איז אצינד ניט דער מינדסטער ספק, אז דער סטרייק טעקס וועט גוטגעהייסען ווערען אין אלע לאקאלס. די מעמבערס האבען ביי יעדער געלעגענהייט געזאגט זייער ווארט ריכטיג — ווי גוטע יוניאן לייט דארפען זאגען. אצינד ווערען אויסגעארבייט די פאדערונגען, די יוניאן האט אויך פאדערונגען צו שטעלען צום נעקסטען אגרימענט.

עס איז אונזער זיכערע איבערצייגונג, אז אלע פלענער פון דער יוניאן וועלען אין די קומענדע וואכען און מאנאטען ערפאלגרייך דורכגעפירט ווערען און אז סיי ביי קאנפערענצען, סיי אין פאל פון א קאמף, וועלען מיר פונקט ווי אין די אמאליגע היסטארישע קאמפען, זיין שטארק גענוג צו קענען מיט פאראייניגטע כחות פארטיידיגען אונזערע פאזיציעס אויף א ווירדיגען אופן.

אן איבערבליק איבער'ן טשילדרען דרעס סטרייק

פון הערי גרינבערג.
מענעדזשער לאקאל 91

די טשילדרען דרעס מאכערס יוניאן, לאקאל 91, האט, ווי איהר ווייסט ווארשיינליך, ניט לאנג צוריק דורכגעמאכט א סטרייק אין גאנצען טרייד. דער סטרייק האט געדויערט בלויז עטליכע טעג און האט געבראכט מאנכע גוטע רעזולטאטען.

מיר האבען גערופען דעם סטרייק פון די טשילדרענס דרעס-מאכער דינסטאג, דעם 16טען פעברואר, דעם זעלבען טאג וואס די דרעס מאכער זיינען ארויס אין גענעראל-סטרייק. די קאטערס אין אונזערע שעפער, וועלכע זיינען מיטגלידער פון לאקאל 10, זיינען ארונטער צוזאמען מיט די מידלאך אפערייטארס און האבען פיל געהאלפען אפצושטעלען די שעפער.

דער צוועק פון סטרייק איז געווען צו צווינגען די באלעבאטים וואס האבען שוין פריהער געהאט אגרימענטס מיט דער יוניאן, צו באנייען דעם אגרימענט און ארגאניזירען אזוי פיל ניט-יוניאן שעפער ווי מעגליך.

נו, מיר קענען באריכטען, אז טראץ דעם, וואס מיר זיינען געווען פינאנציעל אין א געדריקטער לאגע, האט אונזער ארבייט, אין אלגעמיין, געבראכט גאנץ צופרידענשטעלענדע רעזולטאטען. אלס רעזולטאט פון דעם סטרייק, האבען מיר באנייט דעם אגרימענט מיט די באלעבאטים פון די יוניאן-שעפער, האבען יוניאניזירט א היבשע צאהל ניט-יוניאן שעפער און פארבעסערט דארט די באדינגונגען פון די ארבייטער.

לאקאל 91 האט דורך דעם סטרייק כמעט פארטאפעלט די צאהל פון איהרע מיטגלידער, מיר האבען אין אלע יוניאן-שעפער איינגעשטעלט די 5-טאגיגע, 42 שטונדיגע ארבייטס-וואך, אנדערהאלבען מאל געצאהלט פאר אווערטיים, 3 געזעצליכע יום טובים א יאהר מיט פול געצאהלט, און א העכערונג אויף די שכירות פון פילע ארבייטער וואס האט באטראפען צווישען 10 און 20 פראצענט. די דאזיגע באדינגונגען זיינען איבערהויפט וויכטיג ווען מען פארגלייכט עס מיט די באדינגונגען אין די ניט יוניאן שעפער, וואו די טשילדרען דרעס מאכער ארבייטען פון 50 ביז 54 שטונדען און שטיק ארבייטער זיינען צופרידען ווען זיי קענען פארדינען פון 7.50 ביז 14 דאלאר א וואך.

עס זיינען נאך געבליבען עטליכע ניט-יוניאן שעפער אין סטרייק און די סטרייקערס וועלען קריגען די פולע שטיצע פון זייערע ברידער-ארבייטער אין די געסעטעלטע שעפער. מיר האפען אז די מעמבערס פון אונזערע לאקאלס וועלען באגרייפען ווי וויכטיג עס איז פארטצוזעצען די ארגאניזאציאנס ארבייט און וועלען העלפען אונז און זיך אליין מיט אלץ וואס זיי וועלען קענען.

איך וויל דא אויסדריקען אין נאמען פון לאקאל 91 אונזער אויפריכטיגע דאנקבארקייט צו דער „וויטמענס טרייד יוניאן ליג”, וועלכע האט אונז פיל געהאלפען אין אונזער ערפאלג. ניט נאר האט די ליג באשטימט שוועסטער סידי רייך צו העלפען אונז אין דער ארבייט, נאר האט אונז אויך פיל געשטיצט פינאנציעל. עס איז דא איבעריג צו דערמאנען, אז דאס וואס די אינטערנעשאנעל האט אינדארסירט אונזער סטרייק האט געהאט א שטארקע מאראלע ווירקונג און האט געשטארקט אונזערע הענד אין דעם קאמף.

אין דער קלאוקמאכער דזשאינט באארד פון ניו יארק

פון מ. י. אשביז,
סעקרעטאר דזשאינט באארד.

דער סכסוך וואס איז אנגעגאנגען אינערהאלב אונזער דזשאינט באארד, וואס האט געשטערט בר. י. נאגלער צוריק אנצונעמען אלס גענעראל מענעדזשער(וועגען וועלכען מיר האבען באריכטעט אין פאריגען נומער) איז שוין געסעטעלט און פארגעסען.

הגם יעדער האט געגלויבט, אז ער איז גערעכט, האט אבער פארט זיך געפיהלט אין דער לופט דער ווילען ערענהאפט אויסצוגלייכען די מיינונגס-פארשידענהייטען און מאכען וואס שנעלער א סוף צו דעם דעמאראליזירענדען צושטאנד וואס האט אנגעהאלטען דורך די 5 וואכען וואס אונזער דזשאינט באארד איז געווען אהן א פירער.

אונטער אנדערע אומשטענדען וואלט פיליכט איינאנצען דערצו ניט געקומען. די „אינטערנעשאנעל" וואלט באצייטענס צו דעם געמאכט א סוף. זיינען אבער, צוליב די פאסירונגען פון לעצטען רעפערענדום, פילע ניט געווען זיכער צי די אינטערנעשאנעל וועט אצינד וועלען נעמען די איניציאטיווע און מאכען מעגלאך די צוריקברענגונג פון אונזער יוניאן צו א נארמאלען צושטאנד.

די אינטערנעשאנעל האט אבער געפיהלט, אז לאזען ווייטער עס אזוי שלעפען, טאר מען ניט! דער פרילינג סיזאן וועט שנעל איבערלויפען און אויב די צייט וועט ניט ווי אמשנעלסטען אויסגענוצט ווערען צו סטאביליזירען אונזערע רייען, צו באפעסטיגען אונזער יוניאן און פארבערייטען זיך פאר די פאסירונגען פון קומענדען זומער, קען עס באלד ווערען צו שפעט.

וויסענדיג, דעריבער, אז די אויגען פון צענדליגע טויזענדער קלאוק מאכער אין ניו יארק זיינען אצינד געווענדעט צו איהר, זי זאל קומען און זאגען איהר ווארט און מאכען א סוף צו דער דעמאראליזאציע וואס ווערט ערגער יעדען טאג וואס די יוניאן בלייבט אהן א פירער, האט די אינטערנעשאנעל דעריבער דעם 5טען פעברואר, 1932, אונז צוגעשיקט דעם פאלגענדען בריף:

„דזשאינט באארד קלאוק, סקירט און רייפער מאכער יוניאן, ניו יארק סיטי.

„ביים לעצטען פערטעל יעהרליכען מיטינג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, איז די איצטיגע סיטואציע אין אייער דזשאינט באארד ברייט דיסקוטירט געווארען און איז נאך דעם איבערגעגעבען געווארען פאר ווייטערע פארהאנדלונג און שריטע צו די ניו יארקער מיטגלידער פון באארד.

„די ניו יארקער מיטגלידער פון דער דזש. עקזעקוטיוו באארד ביי א מיטינג היינט, זיינען געקומען צום שלוס, אז די איצטיגע דיסארגאניזירטע לאגע אין אייער דזשאינט באארד, ערב דעם אויסגאנג פון די אגרימענטס אין דער קלאוק-אינדוסטריע, קען אנטאן גרויס שאדען דער ארגאניזאציע אויב עס זאל ווייטער אזוי אנהאלטען. מיר האבען, דארום, באשלאסען אויפצופאדערען ברודער איזידאר נאגלער, ער זאל גלייך אריינגעהן אין זיין אמט אלס דזשענעראל מענעדזשער פון דזש. באארד, צו וועלכען ער איז איינשטימיג ווידערערוועהלט געווארען פונ'ם דזשאינט באארד און גוטגעהייסען געווארען פון אלע לאקאלען, און ער זאל אנפאנגען ארגאניזירען די מאשינערי פון דזשאינט באארד און איינשטעלען אלע אנדערע וויכטיגע טעטיגקייטען, וואס זיינען פארבונדען מיט די אנקומענדע פא-האנדלונגען מיט די קלאוק אסאסיאיישאנס און דעם ערווארטעטען דזשענעראל סטרייק אין דער קלאוק אינדוסטריע.

„די באארד האט ווייטער באשלאסען, אז די פראגע פון אנשטעלען די פארוואלטער פון די פארשידענע דעפארטמענטס פונ'ם דזשאינט באארד, וואס איז געווען די הויפט-שטערונג פון ברודער נאגלער'ס אריינטרעטען אין אמט, זאל אפגעלעגט ווערען ביז וואנען דער דזשענעראל סטרייק איז פארענדיגט.

„אין דער האפנונג, אז דאס וועט מאכען מעגליך, אז אלע עלעמענטען אין דזשאינט באארד זאלען הארמאניש קאאפערירען אין די העכסט וויכטיגע ארבייט, וואס שטעהט איצט פאר דער קלאוק מאכער ארגאניזאציע אין ניו יארק, פארבלייבען מיר, ברידערליך אייער,

בענדזשאמין שלעזינגער, פרעז.
דוד דובינסקי, דזש. סעק. טרעזש."

דיזע מוטיגע האנדלונג מצד דער אינטערנעשאנעל האט גלייך געמאכט א סוף צו דער אנגעוועהטאגטער סיטואציע. פיהלענדיג אז די עמנירדזשענסי-לאגע, ווי זי איז געשילדערט געווארען אין דעם דערמאנטען בריף, בארעכטיגט אבסאלוט זייער האנדלונג, האבען אלע מיט געפיהלען פון ערלייכטערונג און צופרידענהייט זיך אונטערווארפען דעם באשלוס פון דער אינטערנעשאנעל.

* * *

שבת, דעם 6טען פעברואר, האט דער דזשאינט באארד אפגעהאלטען א ספעשעל מיטינג, ביי וועלכען בר. י. נאגלער איז אינסטאלירט געווארען. רעדעס זיינען געהאלטען געווארען פון פרעזידענט ב. שלעזינגער, גענ. סעק. ד. דובינסקי און ס. נינפא, ערשטער וויס-פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנעל, וואס האט טיילווייז ארויסגעהאלפען אין דער רוטינער ארבייט דורך דער צייט וואס בר. י. נאגלער איז ניט געווען מיט דער יוניאן.

בר. שלעזינגער האט גראטולירט דעם דזשאינט באארד דערמיט, וואס ענדליך איז אלצדינג צוריק אין ארדנונג, און מיר וועלען אצינד קענען דורכפירען אלע אויסגעארבייטע פלענער צו פארשטארקען אונזער יוניאן און צו פארזיכערען איהר צוקונפט און איהרע מעגלאכקייטען צו קענען ווירקזאם און עהרענהאפט פארטיידיגען די אינטערעסען פון אונזערע מעמבערס. ער האט אויך גראטולירט בר. נאגלער'ן און איהם געוואונשען ערפאלג.

אין זיין אנגעמונגס-רעדע האט בר. י. נאגלער שטארק אונטערשטראכען דעם פאקט, אז ער קומט ניט אצינד אריין אין אמט ווי א „דיקטאטאר", געשיקט פון דער אינטערנעשאנעל, נאר הויפטזעכליך דערפאר ווייל אלע לאקאלס האבען איהם איינשטימיג ווידער ערוועהלט. ער האט אויסגעדריקט זיין פאזיטיווע זיכערקייט, אז די מיספארשטענדניסע וואס האבען עקזיסטירט ביז יעצט זיינען אלע באזייטיגט און דאס מיר וועלען פון היינט אן און ווייטער פאראייניגט ארבייטען דורכצופיהרען אונזער גרויסען וויכטיגען ציל. דארויף איז ער ווילינג בייצושטייערען זיין גאנצע ענערגיע, אלע זיינע פעהיגקייטען און כוחות וואס ער פארמאגט.

די רעדעס פון פרעזידענט שלעזינגער און גענ. מענעדזשער נאגלער זיינען אויפגענומען געווארען מיט באגייסטערטע אפלאדיסמענטען. עס איז אויך באשלאסען געווארען צו באדאנקען בר. ס. נינפא פאר די פרייוויליגע דינסטע וואס ער האט פאר דער יוניאן געלייסטעט דורך דער צייט פון בר. נאגלער'ס אבוועזענהייט.

* * *

מיט בר. נאגלער'ס צוריקקומען אלס גענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד, האט די יוניאן אצינד ווידער גענומען נארמאל פונקציאנירען. ארדענונג איז איינגעשטעלט. יעדערן איז אנגעוויזען געווארען זיין פאסטען און אלצדינג ווערט אצינד כסדר און סיסטעמאטיש געטאן דורכצופיהרען אלע אנגענומענע פלענער, דורך די קומענדע סיזאן וואכען.

אין צוזאמענהאנג מיט די סטאביליזאציאנס פלענער, איז גערופען געווארען אן אלגעמיינער שאפ-טשערמאן'ס מיטינג דעם

פון באסטאנער קאמפס-פלאץ

פון וויים-פרעזידענט י. האלפערן.

איך בין צופרידען צו שרייבען אייך די עטליכע שורות וויסענדיג אז די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" זיינען זיכער פאראינטערעסירט צו וויסען וועגען דעם סטרייק וואס מיר פיהרען דא אן.

צוערשט א פאר ווערטער וועגען אונזערע פארבארייטונגען. מיט עטליכע מאנאטען צוריק איז דא די לאגע געווען זייער ניט גוט, אפילו אונזערע אקטיווע מיטגלידער האבען זיך געפיהלט נידערגעשלאגען. באסטאן, ווי איהר ווייסט, האט די לעצטע עטליכע יאהר מעהר געליטען פון דער קאמוניסטישער מגפה, ווי וועלכע עס איז פון אונזערע ארגאניזאציעס אין אן אנדער שטאט. די חברה, כאטש ניט פיל אין צאהל, האבען געטאן אלץ וואס זיי האבען געקענט, צו צעטומלען די ארבייטער און פארמיאוס'ען די יוניאן.

די ערשטע זאך האבען מיר זיך גענומען באקעמפען זייער שענדליכען איינפלוס אויף די ארבייטער. מיר האבען געהאלטען מיטינגען, פארשפרייט ליפלעטס, און עס איז אונז געלונגען צו דערהויבען די מאראל פון די ארבייטער און די אויסזיכטען צו קענען דורכפיהרען אן ערפאלגרייכען סטרייק.

נאך די אלע פארבערייטונגען האבען די קלאוק און דרעס מאכער ביי א גרויסען מיטינג דינסטאג אוועגד, דעם 23-טען פעברואר, איינשטימיג באשלאסען צו רופען א סטרייק. עס איז געווען איינער פון די שעהנסטע מיטינגען, וואס די פרויען קלידער ארבייטער האבען ווען עס איז אפגעהאלטען דא אין שטאט.

עדווארד פ. מעקגריידי, ארגאנייזער פון דער א. פ. אוו ל., דזשיימס ט. מאריאטרי, פרעזידענט פון דער מאסאטשוזעטס פעדערישאן אוו לייבאר, לואיס ראנטאול, פון דער „ווימענס טרייד יוניאן ליג", און א צאהל אנדערע יוניאן פיהרער האבען אדרעסירט דעם מיטינג און פארזיכערט זייער שטיצע.

אויף מארגען, מיטוואך, דעם 24טען פעברואר, איז דער סטרייק גערופען געווארען און דער אפרוף פון די ארבייטער איז געווען א וואונדערבארער. עס זיינען ארונטער אין סטרייק ארום 25 הונדערט ארבייטער פון 60 שעפער. דאס איז דער ערשטער גענעראל-סטרייק פון די באסטאנער פרויען-קלידער ארבייטער אין די לעצטע 15 יאהר.

ווען די שורות ווערען געשריבען איז דער סטרייק א וואך אלט און אנטוויקעלט זיך זייער ראש. ארבייטער פון פילע שעפער, וועלכע האבען קיין מאל ניט געהאט קיין אגרימענט מיט דער יוניאן, אזוינע ווי „מעטהיוס-קאדעסקי", „טייטעלס" און נאך אזוינע האבען זיך אנגעשלאסען אן די רייהען פון די סטרייקער. צווישען די סטרייקער הערשט אן אויסגעצייכענטע שטימונג. די ארבייטער זיינען אנטריסטעט געגען די היגע באסעס וועלכע האבען זיך אנטזאגט צו פארהאנדלען מיט דער יוניאן אדער באנייען דעם אגרימענט וועלכער איז אויסגעגאנגען דעם 17טען פעברואר.

די גאנצע היגע ארבייטער באוועגונג שטיצט דעם סטרייק מיט אלע מעגליכקייטען. פון דער פאליציי האבען מיר צרות. זיי באהאנדלען די סטרייקערס זייער גראב. שוין אין די ערשטע 5 טעג פון סטרייק זיינען 36 פון אונזערע פיקעטס ארעסטירט געווארען, טראץ דעם וואס אונזערע סטרייקערס פארהאלטען זיך פרידליך און אין די ראהמען פון געזעץ.

מיר האבען זיך שוין וועגען דעם באקלאגט פאר'ן פאליס קאמישיאנער, אבער קיין פארלייכטערונג איז נאך דערווייל נישטא.

וואס אנבאלאנגט די באסעס זיינען זיי נאך דערווייל אלץ איינגעשפארט ווי פאר'ן סטרייק, ווען זיי האבען איגנארירט די איינלאדונג פון עקטינג-מעיאר גאלאנהער צום צוזאמענקומען זיך צו א קאנפערענץ און פרובירען אויסגלייכען זייערע סכסוכים מיט דער יוניאן. זיי האלטען זיך נאך אלץ ביי זייער סלאגאן, אז זיי האבען ניט וואס צו פארהאנדלען.

די דאזיגע האלטונג פון די באלעבאטים האט אבער דעם מוטה פון די סטרייקערס ניט אפגעשוואכט אויף דאס מינדעסטע. מיר האבען פריהער געוואוסט, אז מיר וועלען עס מוזען אויסקעמפען מיט די באלעבאטים אויפ'ן פיקעט ליין און די ארבייטער זיינען גרייט פאר דעם, מאכט ניט אויס ווי לאנג דאס זאל ניט געדויערען.

עס איז איבעריג צו דערמאנען, אז די קאמוניסטישע יוניאן-ברעכער טוען אלץ וואס זיי קענען צו העלפען אונזערע באסעס צום פארטומלען דעם עולם, האבען זיי אויך גערופען א „סטרייק" דעם זעלבען טאג ווען אונזערע ארבייטער זיינען ארונטער. דאס האט זיי אבער גאר ניט געהאלפען. כדי צו פארהיטען פון א צעמישעניש האבען מיר אנגעזאגט אונזערע פיקעטס צוטראגען ארעם-בענדער מיט'ן אויפשריפט „אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר".

דער סטרייק האט אריינגעבראכט נייעם לעבען אין די באסטאנער לאקאלען, איר בערהויפט אין לאקאל 80, דער איטאליענישער לאקאל, וועלכער איז אין גאנצען געווען דעמאראליזירט פון אן אינערליכען קאמף. זייערע רייען זיינען איצט פאראייניגט און די ברידער מאראביטא און סקאלא צוזאמען מיט די אנדערע אקטיווע מיטגלידער טוען זייער חלק ארבייט פאר דער יוניאן. עס איז ניט נויטיג צו דערמאנען אז וויים-פרעזידענט פיליפ קרייטער טוט אלץ וואס מעגליך פאר'ן סטרייק.

רעזאלוציע אנגענומען ביים טשערמען מיטינג פון די קלאוק שעפער

ניו יארק, פעב. 17, 1932.

„מיר, די טשערלייטע פון די קלאוק-שעפער פון גרעיטער ניו יארק, פארזאמעלט אין ברייענט האל, מיטוואך, דעם 17טען פעברואר, 1932, האבען אויסגעהערט די באריכטען פון די פיהרער פון אונזער אינטערנעשאנעל און דעם דזשאינט באארד קלאוק מאכער יוניאן, איבער די מאביליזאציאנס פלענער וואס ווערען אונטערנומען, כדי צוצוגרייטען אונזער יוניאן און אונזער מעמבערשיפ פאר'ן קומענדען אונפארמיידליכען קאמף, וואס אונז שטעהט פאר דעם קומענדען זומער. עס איז א קאמף וואס איז אונפארמיידליך דערפאר, ווייל מיר ווילען ענדליך מאכען א סוף צום צושטאנד פון כאאס און דעמאראליזאציע אין אונזער אינדוסטריע וואס האט געבראכט דערצו, אז טויזענטער קלאוק מאכער געהען ארום מאנאטען לאנג ארבייטסלאז; און די וואס ארבייטען יא, זיינען געצוואונגען צו ארבייטען אונטער מיזעראבעלע באדינגונגען, וועלכע די באלעבאטים טרייען כסדר אויף זיי ארויפצווינגען.

„אויסהערענדיג אויך דעם באריכט פון אונזערע פירער אין באצוג די פינסטערע פלענער פון אונזערע באלעבאטים, וועלכע ווילען צוריק איינפירען די אמאליגע שקלאפישע סיסטעם פון שטיק ארבייט אין אונזער טרייד, פאר וועלכען צוועק זיי מאכען יעדען טאג סטייטמענטס אין דער פרעסע און פיהרען אין אלגעמיין אן א שענדליכע פראפאגאנדע געגען אונזער יוניאן. אין זייער פראפאגאנדע זוכען זיי אראפצוווארפען די שולד פון זיך פאר די איצטיגע טרויעריגע צושטענדע אין אונזער טרייד און ווילען עס ארויפלייגען אויף דער יוניאן. אבער דער אמת'ער ציל פון זייער גאנצער פראפאגאנדע איז, אריינצוברענגען דעמא-

גוטער פאָרטשריט אין פילאַדעלפיער דרעס־שעפּער

פון וויס־פרעזידענט עלייעס רייזבערג.

כאָטש דער קאמפּיין צו ארגאניזירען די דרעס און וויסט אינדוסטרי אין פילאַדעלפיע איז אנגעהויבען געוואָרען בלויז מיט איין מאָנאט צוריק, האָבען מיר שוין צו פארצייכענען דערגרייכונגען מעהר ווי מיר האָבען ערוואַרטעט. טראָץ אַלע שטערונגען וואס מיר האָבען באגעגענט, ווי — ווייניג ארבייט אין די שעפּער, האָט אונזער רוף צום ארגאניזירען זיך געקראָגען א גינסטיגען אפּרוף אין גאַנצען טרייד.

דורך דעם לעצטען מאָנאט האָבען מיר, דורך שאָפּ־מיטינגען און ליפלעטס דערגרייכט די ארבייטער פון כמעט יעדען גרויסען וויסט און דרעס שאָפּ אין שטאָט. די אומערמידליכע אנשטרענגונגען פון אונזער ארגאַניזיישאַן קאָמיטע און זייער שווערע ארבייט אויפצובויען די יוניאָן, ברענגען רעזולטאַטען. עס איז אונז געלונגען אריינצונעמען אין דער יוניאָן ניט בלויז א היבשע צאָל איינצעלנע מיטגלידער, נאר אויך גאַנצע גרופּען פון שעפּער. די ארבייטער פון דעם גרעסטען דרעס־שאָפּ אין פילאַדעלפיע, וועלכער באשעפטיגט ביז צוויי הונדערט לייט, האָבען זיך אלע אנגעשלאָסען אָן דער יוניאָן. דער דאָזיגער שאָפּ דינט איצט אלס ביישפּיל פאר די ארבייטער פון אלע אנדערע שעפּער, נאכצוטאָן.

ווען די שורות ווערען געשריבען מאכען מיר פארבערייטונגען פאר דעם מאַס מיטינג וועלכער ווערט גערופען פאר'ן 25־טען פעברואר אין ליבאַר אינסטיטוט, פון אלע דרעס מאכער, סיי יוניאָן לייט און סיי אזוינע וואס באלאנגען נאך ניט צו דער יוניאָן. דער גרויסאַרטיגער אפּרוף פון די ניו יאָרקער דרעס מאכער אויפ'ן סטרייק־רוף פון דער אינטערנעשאָנעל האָט פארשטאַרקט דעם מוט און פארגרעסערט דעם ענטוזיאַזם פון אונזער ארגאַניזיישאַן קאָמיטע. עס געהט ניט פארביי א טאָג ווען די קאָמיטע לייט, צעטיילט אין גרופּען זאָלען ניט באזוכען באשטימטע שעפּער צום רעדען און אגיטירען די ארבייטער זיך אנצושליסען אָן דער יוניאָן. גאַנץ אָפט זיינען אונזערע קאָמיטע־לייט געצוואונגען צו שטעהן ארום די אָפּען־שעפּער שטונדענלאַנג און ווארטען ביז די ארבייטער קומען ארויס פון פאבריק אום צו קענען מיט זיי רעדען ווייל אין די שעפּער ארבייטען די בעל־מלאכות אונגעהויער לאַנגע שטונדען, אין מאנכע פלעצער — ביז 9 אזייגער אין אָווענד.

די דאָזיגע טעטיגקייט האָט אויך א זעהר גוטע ווירקונג אויף די ארבייטער אין די יוניאָן שעפּער אין זייערע באציהונגען מיט די באַלעבאַטים, ביים סעטלען פּרייזען, און ביים פארהאנדלען וועגען אנדערע שאָפּ־פראגען.

די יוניאָן האָט אנגעשטעלט אַן ארגאַניזער פאר די קאַטערס, ברודער מאַקס מעלצער, וועמען די דרעס־קאַטערס קענען זייער גוט. די ארגאַניזאַציאָנס ארבייט צווישען די קאַטערס געהט איצט אָן מיט פולען אימפּעט און קאַטערס שליסען זיך אָן אָן דער יוניאָן טעגליך. אין די לעצטע צוויי וואָכען איז די צאָהל מיטגלידער אין קאַטערס ברענטש פארטאָפּעלט געוואָרען.

אין קורצען איז איצט די לאַגע אזוי: די דרעס פּרעסערס זיינען שוין פאלשטענדיג ארגאַניזירט אין לאָקאַל 71; די קאַטערס זיינען שוין כמעט אלע מעמבערס פון דער יוניאָן; מיט דעם כסדרדיגען אריינשטראָמען אין דער יוניאָן פון די ארבייטער פון אנדערע פאכען אין דרעס־טרייד, וואקסט אָהן אויפהער דער כח און איינפלוס פון אונזער דזשאינט באָארד.

די נייע קלאָוק דזשאינט באָארד אינסטאַלירט.

דער סעזאָן אין קלאָוק טרייד האָט זיך אנגעהויבען און אונזערע שעפּער זיינען צימליך ביזי.

די פילאַדעלפיער קלאָוק דזשאינט באָארד האָט ניט לאַנג צוריק אפּגעהאַלטען וואהלען און לעצטען שבת, דעם 20־טען פעברואר, זיינען די נייע ערוועהלטע עקזעקוטיוו באָארדס פון די לאָקאַלען און דעלעגאַטען צו דער דזשאינט באָארד אינסטאַלירט געוואָרען ביי א געמיינשאַפטליכער פארזאַמלונג אין גרויסען זאַל פון „לייבאָר אינסטיטוט״. ברודער דאַמסקי, איינער פון די עלטסטע פיהרער פון דער יוניאָן, איז צוגעטיילט געוואָרען דער כבוד צו פיהרען די פארזאַמלונג און די ברידער בענדזשאַמין קארפּ און סעמיועל רובין זיינען ווידער ערוועהלט געוואָרען אלס טשערמאַן און סעקרעטאַר פון דער דזשאינט באָארד.

נאָכדעם ווי די בעאַמטע זיינען ערוועהלט געוואָרען האָט מען דעם שרייבער פון די שורות איבערגעגעבען צום אינסטאַלירען די ערוועהלטע. ברודער דזשאָרדזש רובין, אַן אַנדער בעאַמטער, און עטליכע מעמבערס פון דער פריהערדיגער דזשאינט באָארד, זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרען צו רעדען און זיי האָבען זיך אלע ערקלעהרט גרייט פארטצוזעצען די ארבייט פאר דעם נוצען פון דער יוניאָן. דער גייסט פון פולער געטריישאַפט צו דער אינטערנעשאָנעל וואס האָט אלע מאָל באַהערשט די פארזאַמלונג פון אונזערע פילאַדעלפיער קלאָוק מאכער, האָט אויך באַהערשט דעם מיטינג. כמעט אלע רעדנער האָבען דערמאָנט דעם ניו יאָרקער דרעס מאכער סטרייק און האָבען געלויבט די פיהרערשאַפט פון דער אינטערנעשאָנעל פאר איהר מוטיגע שטעלונג נעגען דעם אנגריף פון די באַלעבאַטים אויף די יוניאָן סטאַנדאַרדס פון די ניו יאָרק דרעס מאַכער און זייער פארזוך צו שניידען ווייד־דזשעס.

די ראָלע פון די פיהרער

(שלוס פון זייט 6)

דאַרט זיך אפּשטעלען און פארביילאָזען די מאַרשירענדע.

די קאַרס און אין די עלעווייטעדס און סאָבוויים, געפיהרט פון סטעבס, און זאָל זיי עס אָנהויבען צו אַרען.

אַן ענליכער פאַל האָט פּאַסירט מיט עטליכע יאָהר פריהער אין פילאַדעלפיא.

וואָס זשע באווייזט עס? אז די פיהרער קענען ניט זיין אגרעסיוו, מיליטאַנט, קעמפעריש, ווען די גרויסע מאַסען זיינען עס ניט. און אויב עס איז אמת, אז אין די לעצטע צעהן יאָהר האָבען די ארבייטער־פיהרער ניט געפיהרט קיין גרויסע קעמפּע, און האָבען זאָגאַר דערלאָזען, אז אין פילע פעלע זאָלען די באָסעס שניידען די ווידזשעס פון די ארבייטער, איז דאָס אָבער ניט געווען דערפאַר, ווייל זיי זיינען געוואָרען שותפים מיט די באָסעס, נאָר ווייל זיי האָבען זעהר גוט פארשטאַנען, אז ווען זיי האַנדלען אנדערש, וואָלט דער רעזולטאַט געווען א פיל טרויעריגערער ווי ער איז געווען ווען זיי האָבען געהאַנדעלט „דיפּלאָמאַטיש."

מען דאַרף נאָר האָבען אין זינען די אָנשיקעניש פון די פארשיידענע קאָמפּאַני־יוניאָנס, פון וועלכע גאָר פילע, פילע ארבייטער האָבען זיך געלאָזט פאַנגען. מען טאָר ניט פארגעסען אויך אָן דעם שטאַרקען קאַמפּיין פון די באָסעס נאָך דער מלחמה פאר דעם אָפּען־שאָפּ, וואָס איז אָנגעפיהרט געוואָרען, און געגען די פאַרהעלטניסמעסיג הויכע ווידזשעס, וואָס די ארבייטער האָבען פאַרדינט אין די מלחמה־יאָהרען, און מען דאַרף נעמען אין אנבאַטראַכט, דאָס דער רענק־ענד־פייל אַליין האָט גאָרניט געפיהלט זיך אַזוי קאַמפּף־לוסטיג, ווי די עטליכע מויל־ און פען־העלדען וואָלטען עס געוואָלט, און עס וועט זיין ליבט צו באַגרייפען די שטעלונג פון דער א. פ. אָוו ל. נאָך גאָמפּערס'ן. זי האָט אזא שטעלונג ווי די אומשטענדען און די צייט פון די לעצטע צעהן יאָהר האָבען עס ערלויבט.

יוניאָן לעבט און פונקציאָנירט, און, הויפּט־
זעכליך, צווינגען די באַליבאַטים צו סיינען
קאָנטראַקטען מיט דער יוניאָן; צווינגען
אָפּצוהיטען די יוניאָן קאָנדישאָנס, און אויך
אָפּסטאָפּען די מגפה פון רעדאָקשאָנס.

אמת, די צייט איז איצט נישט קיין
גינסטיגע צו סטרייקען, נאָר עס איז קיין
אנדער אויסוועג ניט געווען. אויב מיר וועט־
לען נישט אויסנוצען דעם ספּרינג סעזאָן,
וועלכער איז דער הויפּט סיזאָן ביי אונז
אין טאָראָנטאָ, וועלען מיר אפשר שוין זיין
צו שפּעט פאַר דעם ווינטער סיזאָן צו פאַר־
שטאַרקען די יוניאָן. די באַלעבאַטים וואָל־
טען זיכער אויסגענוצט אונזער שטילשווייגען
און אונזער מעמבערשיפּ וואָלט אין גאַנ־
צען דעמאָראַליזירט געוואָרען.

מיר האָבען גלייך צוזאַמענגערופען א
דזשאָינט מיטינג — פון דער דזשאָינט
באָרד, עקזעקוטיוו באָרדס פון אלע לאָקאַ־
לען, צוזאמען מיט די טשערלייט פון אלע
שעפּער. ביי דעם מיטינג איז די פראַגע:
„וואָס עס זאָל זיין אונזער נעקסטער שריט"
ברייט דיסקוטירט געוואָרען. דער מיטינג
האָט כמעט איינשטימיג באַשלאָסען ארויס־
צורופען א גענעראַל סטרייק צו דעם איצטי־
גען ספּרינג סעזאָן.

אזוי שנעל ווי די נייעס איז באַקאַנט
געוואָרען, האָט זיך גלייך די שטימונג געבי־
טען. נישט נאָר בלויז ביי אונזערע מעמ־
בערס, נאָר זאָגאָר ביי אונזערע באַלעבאַטים.
אָנשטאָט דער קריגס־שטימונג וואָס זיי האָ־
בען פריהער געהאַט, האָבען זיי גלייך אנגע־
פאַנגען צו רידען פון שלום. און וואָס
אָנבאַלאַנגט אונזערע מעמבערס, זיי האָבען
זיך אָנגעפאַנגען פיהלען אביסעל מעהר גע־
הויבען, האָבען אנגעפאַנגען איינזעהן, אז
ניט קוקענדיג דערויף וואָס די יוניאָן האָט
געקראָגען א שטאַרקען קלאַפּ, לעבט די
יוניאָן און זיי האָבען ווער עס זאָל זיי באַ־
שיצען.

עס איז גלייך אראַנזשירט געוואָרען א
גרויסער אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטעט און גע־
נומען זיך צו דער ארבייט, צו מאַכען אלע
פאָרבאַרייטונגען פאַר דעם גענעראַל סטרייק.
מיר האָבען אויך ארויסגעשיקט בריף צו די
מאַנופעקטשורערס, לאָזענדיג זיי וויסען, אז
די יוניאָן איז גרייט צו רופען א סטרייק.
צו דער זעלבער צייט איינלאַדענדיג זיי צו
קומען צו א פאַרשטענדניש, אינדיווידועל,
אָדער קאָלעקטיוו. א צאָל באַלעבאַטים האָט
גלייך געענטפערט אז זיי זיינען גרייט צו
סעטלען מיט דער יוניאָן אינדיווידועל, און
פאַרמיידען א סטרייק. מיר האָבען אויך
געקראָגען אן איינלאַדונג צו א קאָנפערענץ
פון א ניי־געגרינדעטער אַסאָסיאיישאָן. נאַ־
טירליך, האָבען מיר די איינלאַדונג אָנגענו־
מען. אזוי שנעל ווי מיר האָבען די איינ־
לאַדונג דערהאַלטען האָבען מיר זיך גלייך
געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט פּרעזידענט
בענדזשאַמין שלעזינגער און מיט סעקרעטער
דובינסקי, פאַרלאַנגענדיג אז עס זאָל ווער
קומען און העלפען פאַרהאַנדלען מיט דער
אַסאָסיאיישאָן, און אויף דעם אָרדער פון

ביי די קלאָוקמאַכער אין מאָנטרעאָל

פון י. פיינבערג.

איך וויל אין קורצען איבערגעבען די
לעצטע פּאַסירונגען ביי אונז אין מאָנ־
טרעאָל.

נאָכדעם ווי מיר האָבען קאָנפערירט
מיט אונזערע ארבייטסגעבער א לענגערע
צייט, און זעהענדיג אז זיי זיינען איינגע־
שפּאַרט, האָט אונזער יוניאָן גערופען א
גרויסען מיטינג פון אלע מעמבערס, וואו
מיר האָבען פאַרגעלייגט פאַר זיי דעם באַ־
ריכט פון די קאָנפערענצען. דער באַ־
ריכט איז אויספירליך דיסקוטירט געוואָ־
רען און איך בין זעהר צופרידען צו זאָ־
גען, אז ער איז דיסקוטירט געוואָרען אין
א זעהר אינטעליגענטער פאָרמע. די הויפּט
פראַגען זיינען געווען: דיסטשאַרדזש און
א רעדוצירונג אין לוין. די מעמבערס האָ־
בען באַפולמעכטיגט די פירער, אז אין
פאַל די באָסעס וועלען ניט צוריקציהען
זייערע פאָדערונגען, זאָל א סטרייק גערו־
פען ווערען.

נאָך דיזען מיטינג האָבען מיר ווידער
אָנגעפאַנגען פאַרהאַנדלען מיט די באָסעס
און נאָך לאַנגע ארגומענטען האָבען די
באָסעס צוריקגעצויגען זייער פאַרלאַנג ווע־
גען ענטזאָגען ארבייטער און עס זאָל בליי־
בען, ווי עס איז געווען ביז איצט. דאָס
הייסט, אויב אן ארבייטסגעבער ענטזאָגט
אן ארבייטער און די יוניאָן שטימט ניט
איין, זאָל די פראַגע איבערגעהן צו אן
אומפּאַרטייאישען טשערמאַן צו ענטשיי־
דען.

וועגען דער פראַגע פון רעדוצירען ווי־
דזשעס איז געווען לייכטער דורכצוקומען,
ווייל אין מאָנטרעאָל ארבייט מען פון
שטיק, און נעמענדיג אין אנבאַטראַכט, אז
די צייט איז שלעכט, זיינען מיר געקומען
צום שלום, אז אויב אונזער יוניאָן וועט
געלונגען צו האָבען א שטרענגען קאָנטראָל
איבער דעם טרייד, מיינענדיג דערביי אז
יעדער שאָפּ זאָל נאָכקומען יוניאָן רולס, איז
אונזער איבערצייגונג, אז די פראַגע פון
ווידזשעס וועט זיין זעהר גרינג צו קאָנ־
טראָלירען.

ביי דיזער געלעגענהייט וויל איך זאָגען
צו אונזערע ארבייטער, אז וואָס אנבאַלאַנגט
דורכפירען א שטרענגען קאָנטראָל, וועגדעט
זיך דאָס אָן זיי אליין. זאָלען זיי אויפ־
הערען רחמנות האָבען אויף זייערע באָ־
סעס, אז זיי זאָלען ניט דאַרפען ארויס פון
ביזנעס. עס וועט זיין פיל געזונטער, אז
עס וועלען זיין אביסעל ווייניגער באָ־
סעס, וואָס באַשעפטיגען 2, 3 און 4 אר־
בייטער און ארבייטען אליין טאָג און
נאַכט.

מיר האָבען באַשלאָסען, אז כדי אריינ־
צוברענגען א שטרענגערען קאָנטראָל אין
די קלענערע שעפּער, דאַרפען די קלאָוק־
שעפּער אויף אביסעל צייט אָפּגעשטעלט
ווערען. מיר האָבען דעריבער געלאָזט ווי־
סען אונזערע מעמבערס, דאָס דאָנערשטאָג,
דעם 18טען פעברואַר, וועלען די קלאָוק
שעפּער אָפּגעשטעלט ווערען. און צום קרע־
דיט פון די קלאָוק מאַכער זאָל דאָ געזאָגט
ווערען, דאָס זיי האָבען געענטפערט דעם
רוף פון דער יוניאָן און מיר האָבען גלייך
געהאַט א גרויסען מיטינג, וואו דער אַגרי־
מענט איז פאָרגעלעזען געוואָרען פּונקט ביי
פּונקט און נאָך א לאַנגער דיסקוסיע איז
דער קאָנטראַקט גוטגעהייסען געוואָרען מיט
גענויע אכט הונדערט שטימען געגען צוויי
הונדערט מיט פופצען. נאָך דעם, ווי דער
קאָנטראַקט איז גוטגעהייסען געוואָרען, האָ־
בען מיר גלייך געמאַכט אראַנדזשמענטס צו
שיקען אלע געסטעלטע שעפּער צוריק צו
דער ארבייט.

ווען איך שרייב איך דיזען רעפּאָרט
האָבען מיר בלויז א קליינע צאָל ארבי־
טער אויסער די שעפּער, וועלכע ווילען ניט
געבען קיין פאַרזיכערונג אז זיי וועלען נאָכ־
קומען די יוניאָן באַדינגונגען. ווי שוין
פריהער באַמערקט, זיינען דאָס דיזע מיט
שעפּער אָן וועלכע מען וואָלט זיך זיכער
געקענט באַגיין.

און נאָך א זאַך, ווען אונזערע ארבי־
טער אין די גרעסערע שאָפּער וואָלטען
פאַרשטאַנען זייערע אינטערעסען, וואָלטען

די הויפּט־באַאַמטע פון דער אינטערנעשאָ־
נאַל, איז וויס־פּרעזידענט קריינדלער געקו־
מען קיין טאָראָנטאָ.

שרייבענדיג די שורות האָבען מיר שוין
געהאַט צוויי קאָנפערענצען מיט דער נייער
אַסאָסיאיישאָן. פאַרלויפיג איז מען נאָך
נישט געקומען צו קיין אויסגלייך. נאָר עס
איז פאַראַן א האָפנונג, אז ביי די ווייטערע
קאָנפערענצען זאָלען מיר קומען צו אן
אויסגלייך. מיר וויסען אויך נישט ביי
דעם איצטיגען מאָמענט ווי גרויס די נייע
אַסאָסיאיישאָן איז, ווייל די אַסאָסיאיישאָן
איז אין גאַנצען אלט א פּאָר טעג, נאָר וואָס
געבוירען, און יעדען טאָג קומען צו נייע
מיטגלידער.

צו דערזעלבער צייט מאַכען מיר אלע
פאָרבאַרייטונגען פאַר דעם גענעראַל סטרייק,
און איך וויל האָפען, אז ווען די ווערטער
וועלען געליינט ווערען פון אונזערע מיט־
גלידער וועט אונזער סטרייק שוין זיין פאַר־
איבער, די יוניאָן פאַרשטאַרקט, און אונזערע
מיטגלידער וועלען שוין ארבייטען אין א ל ע
ש ע פּ ע ר א ו נ ט ע ר י ו נ י אָ ן־
ב א ד י נ ג ו נ ג ע ן.

נייעס און פאסירונגען אין דער קלאוק-מאכער יוניאן פון טאראנטא

פון א. קירזשנער, וויס-פרעזידענט א. ל. ג. וו. י.

מיר לעבען איצט ווידער איבער וויכטיגע פאסירונגען, וועלכע וועלען שפילען א וויכטיגע ראלע אין דער ווייטערדיגער עקזיסטענץ פון אונזער יוניאן. דער אגרימענט וואס מיר האבען געשלאסען מיט אונזערע באלעבאטים, מיט צוויי יאהר צוריק, איז אפיציעל אויסגעגאנגען דעם לעצטען יאנואר. מיר זאגען „אפיציעל”, ווייל אומאפיציעל איז דער אגרימענט געבראכען געווארען פון אונזערע באלעבאטים לעצטען מאי, ווען זיי האבען אויפגעלייזט זייער אסאסיאיישאן, און אזוי ווי אלע באלעבאטים זיינען געווען אנגעשלאסען אין דער אסאסיאיישאן האט עס פאקטיש געמיינט, אז מיט דער אויפלייזונג פון דער אסאסיאיישאן האט דער אגרימענט אויפגעהערט צו פונקציאנירען, נאר מיר האבען, אזוי צו זאגען, פארהאנדעלט אינדיווידועל, און מעהר אדער ווייניגער, אמאל מיט שוועריגקייטען, נעפיהרט זיך לויט די פארשריפטען פון דעם אגרימענט.

לעצטען יאנואר איז דער אגרימענט אויסגעגאנגען. די אסאסיאיישאן האט מעהר ניט עקזיסטירט. און די אינדיווידועלע מאנופעקטשורערס האבען זיך נישט געאיילט צו באנייען דעם אגרימענט. צו דער זעלבער צייט זיינען אונזערע הענט געווען געבונדען מיט צוויי סטרייקס וואס זיינען געקומען אלס א רעזולטאט פון לאקאוטס. אט די צוויי סטרייקס האבען אויסגעצאפט א סך כח פון דער יוניאן און אויסגעלאזען האבען זיך די סטרייקס נישט אזוי ווי מיר האבען געוואונשען.

עס זיינען געווען פיל סיבות ווארום די סטרייקס האבען זיך נישט געענדיגט צו גונסטען דער יוניאן, נאר מיר וועלען זיך איצט נישט ארייגלאזען צו אנאליזירען די אורזאכען. מיר ווילען בלויז באריהרען איין הויפט אורזאך: מיר זיינען געווען געצוואונגען אנצופיהרען די אויבענדערמאנטע סטרייקס אין דער ביטערער „סלעק” צייט. פאלגליך, ביז עס איז געקומען די „בוזי”, ווען מיר האבען געקאנט מאכען די סטרייקס מעהר ווירקזאם און געבען די ריכטיגע קלעפ, זיינען מיר אבער שוין געווען אזוי פארמאטערט אז מיר האבען שוין מעהר ניט געהאט קיין כח פארצוזעצען דעם קאמף.

מיר וועלען אבער פון די סטרייקס האבען געלערענט דעם ריכטיגען לעסאן, אויסצומיידען ווי ווייט מעגליך סטרייקס אין דער „סלעק” צייט, זאגאר ווען מיר זיינען געצוואונגען ארונטערצושלינגען א ביטערע פיל, נאר אויפצונעמען א קאמף ווען די צייט איז פאר אונז מעהר פאסענד.

דער אויסגאנג פון די צוויי סטרייקס האט איבערגעלאזען זייער א געדריקטע שטימונג ביי אונזערע מיטגלידער. די מאנופעקטשורערס האבען די געדריקטע שטימונג אויסגענוצט און געשניטען פון די פרייזען ביז צום ביין... די יוניאן האט זיך אבער גלייך ארומגעזעהן, אז אויב מיר וועלען ניט קומען צו זיך, און לאזען אזוי ווייטער געהן איז פאראן א געפאהר אז אלע יוניאן באדינגונגען זאלען אפגעווישט ווערען.

מיר האבען גלייך צוזאמענגענומען אונזערע כוחות און גענומען מאכען אלע פארבארייטונגען פאר א גענעראל סטרייק, כדי צו ווייזען אונזערע באלעבאטים אז די ראליזאציע און צומישעניש אין די מוחות פון די קלאוק מאכער און אזוי נאר, אונז קענען לייכטער באזיגען אין דעם פארשטעהענדען קאמף.

דעריבער ערקלערען מיר, די טשערליים פון די קלאוק שעפער, ביי אונזער היינטיגער פארזאמלונג, אז די באלעבאטים וועלען מיט זייער פארפירערישער פראפאגאנדע אונז ניט אפנארען. פאר אונז איז קלאר, אז די איינציגע שולדיגע פאר דיזען צושטאנד פון אומפאראנטווארטליכקייט אין אונזער טרייד, זיינען די באלעבאטים. זיי זיינען עס די יעניגע, וואס צעשפליטערן זייערע אינסייד שעפער און ווארפען ארויס זייערע ארבייטער אין גאס; אין דער זעלבער צייט שאפען זיי טאג-טעגליך נייע סוועט און בעדרום שאפעס, דורך וועלכע זיי אונטערגראבען כסדר די יוניאן סטאנדארדס פון אונזער אינדוסטריע, הערמיט נעמען זיי צו פון אונזערע ארבייטער די מעגליכקייט צו קענען מאכען א לעבען פון זייער שווערער, ביטערער פראצע; זיי באַרויבען אונז פון די יוניאן באדינגונגען, וועלכע מיר קלאוק מאכער האבען דערווארבען דורך לאנגע, ביטערע קאמפען אין פארלויף פון אזויפיל יאהרען.

„מיר באשליסען דעריבער, גוטצוהייסען אלע מאביליזאציאנס פלענער פון אונזער יוניאן, וואס זיינען היינט אווענט פאר אונז פארגעלייגט געווארען. מיר פארפליכטען זיך, אלע ווי איינער, צו העלפען אונזער יוניאן דורכפיהרען ערפאלגרייך אלע אויסגעארבייטע פלענער לטובת אונזער יוניאן: סיי די פלענער פאר אן ענערגישען ארגאניזאציאנס קאמפיין דורך דעם היינטיגען ספרינג סיזאן, אזוי גוט ווי די פלענער וואס ווערען אונטערנומען פאר פינאנציעלער און אלגעמיינער מאביליזאציע מיט'ן צוועק צו מאכען אונזער יוניאן שטארק און ווי געהעריג פארברייטעט צו קענען געבען אונזערע באלעבאטים א ווירקזאמען ווידערשטאנד אין דעם קומענדען קאמף.

„עס איז אונזער ענטשיידענער ווילען, אז מיר זאלען זאפארט צוטרעטען צו דער ארבייט, דורכצופיהרען אין לעבען אלע היינטיגע פארגעלייגטע פלענער, נעמליך: אנצופיהרען א ווירקזאמען ארגאניזאציאנס דרייוו, דיזען ספרינג סיזאן, אלס א פארבארייטונג פאר'ן קומענדען סטרייק; אויסארבייטען אונזערע פאדערונגען צו די באלעבאטים, און אויך צו נעמען זיך גלייך שאפען דעם נויטיגען סטרייק פאנד, וועלכער וועט זיין אונזער אמוניציע אויף דורכצופירען אונזערע גערעכטע פאדערונגען אין דעם קומענדען קאמף. פאר דיזען צוועק פאדערען מיר אויף אונזערע מעמבערס, זיי זאלען אין דעם קומענדען רעפערענדום, וואס די לאקאלס וועלען קירצליך דורכפיהרען, שטימען איינשטימיג פאר דער גוטהייסונג פון 15 דאלאר טעקס.

„צו אונזערע פירער זאגען מיר: זייט מוטיג און ענערגיש אין אלע ארויסטרעטונגען און אין אלע אונטערנעמונגען. מיר זיינען אין גאנצען מיט אייך און מיר וועלען טאן אלסדינג אייך צו העלפען, אז ווען די שעה פון קאמף וועט שלאגען, א קאמף וואס וועט געפירט ווערען פאר ארדנונג אין אונזער טרייד, פאר די פאראנטווארטליכקייט מצד די באלעבאטים צו זייערע ארבייטער און פאר דער פארזיכערונג פון יוניאן-באדינגונגען אין אונזערע שעפער, זאלען אונזערע באלעבאטים געפינען די קלאוק מאכער מאביליזירט, אייניג, שטארק און געהעריג פארבארייטעט צו באגעגנען אונזער שונא אויף אן אופן ווי מיר האבען עס געטאן אין אונזערע אמאליגע היסטארישע קאמפען.

„נידער מיט דער פארפיהרערישער פראפאגאנדע פון די באלעבאטים פאר שטיק ארבייט!

„נידער מיט דעם צושטאנד פון אונפאראנטווארטליכקייט אין אונזער אינדוסטריע!

„נידער מיט די הונגער-באדינגונגען, וואס די באסעס טרייען אויף אונז ארויפצוצווינגען!

„עס לעבע דער מאביליזאציאנס-קאמפיין און דער קומענדער קאמף פאר א מענשליכען לעבען אין אונזער טרייד!

„עס לעבע אונזער אינטערנעשאנעל, עס לעבע די קלאוק מאכערס יוניאן, וואס זיינען די פיהרער פון דיזען נויטיגען, גערעכטען קאמף!”

GERECHTIGKEIT (Justice)

גערעכטיגקייט

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. XIV. No. 4. Jersey City, N. J., April-May, 1932 Price 10 Cents

א ווארט צו די דעלעגאטען פון דער קאנווענשאן

פון פרעזידענט שלעזינגער

ברידער און שוועסטער!

אונזער קאנווענשאן האט פאר זיך א סך וויכטיגע פראגען צו פארהאנדלען און עס איז שווער צו זאגען וועלכע פון זיי איז די וויכטיגסטע, אבער אלע פראגען האבען איין ציל — גרעסער און שטארקער צו מאכען אונזער יוניאן און צו פארבעסערען דאס לעבען פון אונזערע מיטגלידער.

די אינטערנעשאנאל האט פאר זיך גרויסע און שווערע אויפגאבען. עס זיינען דא טויזענטער און טויזענטער אומארגאניזירטע אין אונזער אינדוסטריע וואס דארפען ארגאניזירט ווערען; אין פילע ערטער האט די אינטערנעשאנאל אנגעפאנגען ארגאניזאציאנס קאמפיינס און זיי מוזען מיט נאך מעהר ענערגיע פארטגעזעצט ווערען, און דארטען וואו מיר זיינען ארגאניזירט און אונזערע יוניאנס זיינען שטארק, פאדערען זיך גרויסע אנשטרענגונגען אפצושלאגען די פאזיציעס וואס מיר האבען מיט אזוי פיל שווערע קרבנות אויסגעקעמפט.

וואס גרעסער און שטארקער די אינטערנעשאנאל וועט זיין, אלץ ערפאלגרייכער וועט זי איהר גרויסע ארבעט קענען דורכפירען. די קאנווענשאן וועט מוזען אנגעמען מיטלען וואס זאלען מאכען די אינטערנעשאנאל שטרקער פינאנציעל. אחדות איז דער הויפט־יסוד פון א יוניאן, אבער צו אחדות מוז די יוניאן אויך זיין פארזארגט מאטעריעל.

זאל די קאנווענשאן זיין דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון איינינקייט, מיט דעם געפיהל פון ברידערליכקייט, און זאלען אלע דעלעגאטען זיין באהערשט פון איין געדאנק: גרעסער, שטארקער און זיכערער צו מאכען אונזער אינטערנעשאנאל.

בענדזשאמין שלעזינגער, פרעזידענט.

פון סעק.־טרעזש. דובינסקי

ברידער און שוועסטער!

די לעצטע צוויי און א האלב יאהר זיינען געווען פאר דער אינטערנעשאנאל א צייט פון שווערער פראבע. מיר זיינען געקומען צו דער קליוולענדער קאנווענשאן מיט א נייער איבערגעבויטער יוניאן. מיר האבען איר איבערגעבוים אויף די חורבות, וואס די קאמוניסטען האבען פון איהר איבערגעלאזען. די קליוולענדער קאנווענשאן האט אונז געדארפט העלפען באפעסטיגען, וואס מיר האבען צוריק אויפגעבוים.

אונז האט זיך איינגעגעבען צוריקצוקערען די יוניאן מאראל צו אונזערע מיטגלידער און צוריק צוברענגען יוניאן באדינגונגען אין די שעפער, אבער מיר האבען געהאט איין גרויסע, א ריזיג גרויסע שוועריגקייט איבערצוקומען און דאס איז געווען דער קריטישער פינאנציעלער צושטאנד פון דער יוניאן.

די קאנווענשאן אין קליוולאנד האט פיל מיטגעהאלפען צו פארלייכטערען אונזער פינאנציעלע לאגע דורך דעם 10 דאל. שטייער, וואס זי האט באשלאסען, אבער דער קריזיס איבער'ן לאנד האט זיך שוין דעמאלט אנגעפאנגען פילען מיט זיין גרויסער שווערקייט אין אלע אינדוסטריען און אין אלע ווינקעלער פון לעבען.

עס זיינען געווען שווערע פראבע טעג פאר דער אינטערנעשאנאל, אבער זי איז זיי בייגעשטאנען. זי האט אין מיטען דער ביטערסטער צייט אנגעפיהרט גרויסע קאמפען און זי גרייט זיך צו גרעסערע. די אינטערנעשאנאל איז שטאלץ מיט איהרע מיטגלידער, וועלכע האבען ארויסגעוויזען אזוי פיל איבערגעבענהייט צו איהר און האבען געבראכט אזוי פיל קרבנות פאר איהר.

מיר פאנגען אן אונזער קאנווענשאן אין פילאדעלפיע גלייך אויף מארגען נאכ'ן ערשטען מאי, דער גרויסער אינטערנאציאנאלער ארבייטער יום טוב, דער יום טוב פון ארבייטער איינינקייט און ארבייטער סאלידאריטעט. זאל דער גייסט פון דעם ערשטען מאי רוהען אויף אונזער קאנווענשאן און זאל וואס מעהר איינינקייט, וואס מעהר סאלידאריטעט געשאפען ווערען אין אונזערע רייהען, און די אינטערנעשאנאל וועט זיין אומבאזיגבאר.

דייוויד דובינסקי, סעקר.־טרעזשורער.

גיי אויף מיט זון

פון א. מ. דילאן.

רעגן, רעגן, שטארקער גיס,
שווייינק אראפ פון דר'ערד דעם שטויב.
עס קלאגט די וועלט, עס וועלקט די וועלט —
אין רעגנגוס באווייז זיך, זון.

און בליץ, צו בליץ, שנייד דורך אין פלאם,
און צינד אן די וועלט אין פלאם.
עס קלאגט די וועלט, עס וועלקט די וועלט —
און נאכ'ן בליץ צעשטראל זיך, זון.

און מענש, צו מענש, שטיי אויף און זינג,
בליץ אויף מיט פרייד, גיי אויף מיט זון.
עס קלאגט די וועלט, עס וועלקט די וועלט —
בליץ אויף מיט פרייד, גיי אויף מיט זון.

פונקטען וועלכע ווערען אריינגעשריבען אין נייעם אַגרימענט צווישען דער דרעססמאַכער יוניאָן און די באַלבאַטים

אין דעם אגרימענט, וועלכער דארף אויסגעארבייט ווערען צווישען דער דרעססמאכער יוניאן און דער „אפיליאייטעד אסאָ־סיאיישאָן" דארפען אריינגעהן אלע פונקטען פון דעם פריה־ערדיגען אגרימענט, מיט די פאלגענדע ענדערונגען.

וועגען סעטלען פרייזען פאר שטיק־ארבייט.

1) אלע פרייזען פאר שטיק־ארבייט זאלען געסעטעלט ווערען אויפ׳ן באזיס פון א סקעדיול וועלכער זאל אויסגע־ארבייט ווערען פון ביידע צדדים. דער דאזיגער סקעדיול דארף פעסטשטעלען באשטימטע פרייזען פאר אזוי פיל טיילען פון דער דרעס ווי מעגליך, וועלכע זאלען זיין באגרינדעט אויף דעם מינימום ווייזוש פער שטונדע פאר שטיק ארבייטער, לויט די פארשריפטען פון דעם אגרימענט ($1.10 א שטונדע פאר אפערייטארס, $1.25 פאר פרעסערס א. ז. וו.) דער דאזיגער סקעדיול זאל אויסגעארבייט ווערען און אריינגעהן אין קראפט ניט שפעטער ווי 15 טעג נאכדעם ווי דער אגרימענט וועט גע־סיינט ווערען. ביז דעמאלט זאלען די אלטע פארשריפטען פון אגרימענט וועגען סעטלען פרייזען פארבלייבען אין קראפט.

דער פונקט וועגען 2 טעג.

2) אנשטאט דעם פונקט אין אלטען אגרימענט, וואס שרייבט פאר אז די ארבייטער דארפען פאר־זוצען ארבייטען 5 טעג אויף גארמענטס, אויף וועלכע די ארבייטער קענען זיך ניט איינינגען מיט׳ן באלעבאס וועגען פרייז, זאל איינגעשטעלט ווערען א פעריאדע פון 2 טעג אין וועלכע פרייזען מוזען גע־סעטעלט ווערען. מיט דער אויסנאמע פון די ערשטע 3 טעג, וואס די ארבייטער וועלען זיך צוריקקעהרען אין די שעפער, ווען פרייזען מוזען געסעטעלט ווערען איידער זיי נעמען אר־בייטען אויף דעם סטייל.

סעמפעל מייקערס.

3) דער מינימום סקעיל פאר סעמפעל מאכער זאל זיין $35 א וואך. (אין אלטען אגרימענט איז קיין סקעיל פאר סעמ־פעל מאכער אין גאנצען ניט געווען).

שבת ארבייט.

4) דער פונקט וואס רעדט וועגען שבת ארבייט (דאס רעכט צו ארבייטען 4 שבתים אין סעזאן) זאל אמענדירט ווע־רען און זאל זיך לעזען ווי פאלגט: „אבער אין צייט פון ארבייטסלאזיגקייט זאל די פראגע וועגען ארבייטען שבת פאר־האנדעלט ווערען צווישען דער יוניאן און דער אסאסיאיישאן. אין פאל זיי קענען זיך ניט איינינגען, זאל די פראגע איבער־געגעבען ווערען צום אימפארשיעל טשערמאן צו אנטשיידען."

פארצוג צו ארבייטער אין אינסייד שעפער ביים געבען ארבייט.

5) עס ווערט צוגעשטימט, אז מעמבערס פון דער „אפי־ליאייטעד" דארפען געבען פארצוג צו די ארבייטער פון זייער אינסייד שאפ ביים געבען ארבייט.

וועגען רעארגאניזיישאן.

6) דער פונקט אין אלטען אגרימענט וועגען רעארגאני־זיישאן (ווען א באס וויל פארקלענערען דעם שאפ), זאל גע־ענדערט ווערען, ווי פאלגט: „אז אויף דער ווענדונג פון דער אסאסיאיישאן צו דער יוניאן, „וואו די רעארגאניזיישאן ווערט ערלויבט, זאל די פראגע וועגען וועלכע ארבייטער עס זאלען פארבלייבען אין שאפ, באשטימט ווערען דורך ווארפען גורל".

וועגען ניט אויספאלגען באשלוסען.

7) אין פאל א פירמע פאלגט ניט אויס אין 24 שטונדען צייט א באשלוס פון דער יוניאן מיט דער אסאסיאיישאן, אדער אן ענטשיידונג פון אימפארשעל טשערמאן, זאל אזא פירמע אויטאמאטיש סוספענדירט זיין פון דער אסס׳ן און פאר־לירען אלע רעכטען און פריווילעגיעס פון דעם קאלעקטיווען אגרימענט, און די יוניאן זאל זיין פריי אנצואווענדען אזוינע מיטלען, ווי זי וועט געפינען פאר נויטיג צו צווינגען דער פירמע נאכצוקומען דעם אגרימענט.

שטראפען.

8) געלט וואס קומט אריין פון באשטראפונגען זאל אי־בערגעגעבען ווערען צום אימפארשעל טשערמאן און זאל גע־נוצט ווערען אויף מאכען אונטערזוכונגען און ענליכע אויס־גאבען.

וועגען אנטזאגען ארבייטער.

9) ווען א באס מוז צוריקנעמען אן אנטזאגטען ארביי־טער, זאל דער אימפארשיעל טשערמאן באשטימען די סומע וואס ער דארף קריגען אלס פארגיטיגונג פאר דער צייט וואס ער האט פארלארען.

10) די פראגע פון פאראנטווארטליכקייט פאר די באדינ־גונגען אין די קאנטראקטינג שעפער.

1) עס זאל איינגעשטעלט ווערען א „באארד" פון אלע צדדים צום קאלעקטיווען אגרימענט אין דער אינדוסטריע.

ווי געדארפט טאן אלץ וואס מעגליך אריינ־צוגעמען די סטרייקענדע ארבייטער פון די קליינע שאפעס צו זיך אין די שעפער. דאס וואלט פיל געהאלפען דער יוניאן אין איר פארזוך איינצופירען א שטרענגערען קאנטראל.

אין די נעקסטע פאר וואכען וועלען מיר איינפירען א שטרענגען קאנטראל פון ארבייטס־צייט און מיר וועלען אויך שטרענג באשטראפען די יעניגע וואס וועלען ניט פאלגען די יוניאן.

איך וויל אויך ביי דיזער געלעגענ־הייט אויסדריקען מיין פערזענליכען דאנק און אנערקענונג צו די פאלגענדע מיט־גלידער, וועלכע האבען זיך אקטיוו באַ־טייליגט און באטייליגען זיך נאך איצט אויך אין העלפען אויפבויען א שטארקע יוניאן אין מאנטרעאל:

בר. בערמאן, פאגעלסאן, פרידמאן, באדריע, בארדזשאן, סעם פוינט, הייזער, זינגער, פעלט, משה זייפערט, מרס. הער־ליך, ברידער בעזנער, זייטץ, ראזענבערג, וויינבערג, לייבאוויטש, אבראמסאן, דייוו גודמאן, גאלד, מילמאן, שפיטצער, דאשעפ־סקי, איכיעל, פון ראדי מאנופ., דאראשא, מאדאם דאראשא, סעם שיפער, מארטעל, דזשארדזש גאלדשטיין, ארפין, פוינט, דזשייקאבס, איטאן, קייזער, ראבאטא, מיס דזשייקאבס, משה, טשערמאן היימאנס ליגע, גאדמאן, לואי דאבראפסקי.